STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12663

# SHLOSHA AHIM

Bela Shtern

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ב. שטרן
רח' צפניה 24
ירושלם
די חרדישע אידישע ביבליאטעק

# שלשה אחים

צווייטער טייל

**דער מיטעלסטער ברודער / רבי יצחק**
**די מצווה פון "שלוש־סעודות"**

בעשריבן און בעארבעט
פון
## ב. שטרן

**דאס העפט אנטהאלט:**

א. רבי יצחק'ס שטורעמדיקער וועג אויפן ים; זיין שיף פאַרפאָרט אויף דעם געפערלעכסטן אָרט אין ים וואָס הייסט דער "תהום־שטילקייט"; זיין מסירת־נפש וועגן די מצווה וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

ב. רבי יצחק פליט אַריין מיט אַ שטורעם אין ים און ווערט פאַרשווינדען אונטער די ווילדע וואַלן.

ג. רבי אברהם ווערט פאַרוואָרפן אויף דעם געפערליכן "מאַגנעט־אינדזעל"; די קלוגע עצה פון שלמה־המלך; רבי אברהם דערוויסט זיך פון דעם שרעקלעכן אומגליק אַז זיין ברודער איז דערטרונקען געוואָרן.

**2**

פערלאג "בפירוש וברמז"
ירושלם / תשכ"ד·

ב. שטרן
רח' צפניה 24
ירושלם

די חרדישע אידישע ביבליאטעק

# שלשה אחים

צווייטע טייל

**דער מיטעלסטער ברודער / רבי יצחק**

**די מצווה פון „שלש־סעודות"**

**בעשריבען און בעארבייט**

**פון**

## ב. שטערן

**לויט די וועלט בערימטע וואונדערליכע געשיכטע**

## מעשה משלשה אחים

**איינס פון די שענסטע און אינטרעסאנטסטע אידישע געשיכטעס.**

**די העפט ענטהאלט:**

**א. רבי יצחק'ס שטורעמדיגער וועג. זיין שיף פערפאהרט אין דעם "תהום־שטילקייט", איינס פון די געפערליכסטע ערטער אויף דעם ים. דארט ווייזט זיך ארויס זיין מסירת־נפש וועגען דער מצווה פון "שלש־סעודות", וואס ער האט אויף זיך מקבל געווען.**

**ב. רבי אברהם ווערט פארווארפען אויף דעם "מאגנעט־אינדזעל" זוכענדיג די בת־המלכה.**

## שלמה־המלך'ס קלוגע עצה

# 2

**פערלאג „בפירוש וברמז"**

**ירושלים / תשכ"ג**

חוברת תשרי—חשון, תשכ"ג

2־טע העפט 2־טע סעריע

די ערשטע סעריע וואס האט פריער ערשינען, איז

„דער גריידיצער צדיק"

5 העפטן, 6 העכסט אינטרעסאנטע ערצעהלונגען.

©

כל הזכויות — לרבות זכות תירגום או צילום —
שמורות להוצאת "בפירוש וברמז"
י. שטרן, רחוב צפניה 24, ירושלים.

דפוס התחיה בע"מ

## א.

בלב כבד. מיט אַ שווער האַרץ און מיט געמישטע געפילן, האָט זיך רבי יצחק אַרויף גיזעצט אויף זיין גרויס פערד, נאָכדעם וואָס ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע צוויי טרייע און חשובע ברודער. און ער האָט זיך געלאָזסט רייטן אויף דעם וועג וואָס פירט נאָך „מדינת-ישמעאל". דער וועג נאָך מדינת-ישמעאל איז אָבער געווען זייער אַ שווערער, צווישען טאָלען און בערג האָט ער זיך געצויגן, און ווער עס איז נישט גאַר גוט בעקאַנט געווען אין אים, האָט זאך גאַנץ גרינג געקענט פער-בלאָנזשען. אונזער יונגער רבי יצחק, וואָס איז נאָך אין זיין לעבן נישט געפאָרן אויף דעם וועג, איז דעם דריטן טאָג אַראָפּ פון דעם ריכטיקן וועג, זיין פערד איז מיט אים גע-שפרינגען איבער שטיינער און דערנער פון פרי מאָרגן ביז אין דער טונקעלער נאַכט, צוואַנציג טעג איז ער אַזוי געריטן אי-בער די שטיינער און דערנער, אָן דעם ער זאָל וויסען ווי ער געפינט זיך, אין וואו אַהין ער פאָרט, דאָס עסענוואַרג וואָס ער האָט זיך מיט גענומען איז יעדן טאָג געוואָרן אַלץ ווינציגער און ווינציגער, עס האָט זיך שוין געהאַלטן באַלד ביים ענדיגען.

דעם איין און צוואַנציגסטען טאָג האָט ער פּלוצלינג דערזען פון דערווייטענס אַ וואַלד. אָט דאָס איז די ישועה, האָט ער זיך געטראַכט, און האָט גלייך אָנגעהויבן צו רייטן צום וואַלד, יעצט וועט ער כאָטש מער נישט ברויכן שלאָפען אויף שטיינער, גאָר פריי צו אַלע חיות, נאָר ער וועט שוין

קענען שלאָפן אויף אַ בוים. מיט דער פרייד אין הארץ איז ער אַריין געריטן אין דעם געדיכטן וואַלד. אָבער די ערשטע נאַכט האָט ער זיך שוין איבער צייגט אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, דאָס גערויש פון די חיות איז דאָ אין וואַלד פיעל שטערקער און יעמערליכער ווי אין דער מדבר, און אויך די ווינטן בלאָזן דאָ פיעל שאַרפער. ווען רבי יצחק איז אַרויס פון לאַנד כוזר האָט ער נישט געפלאַנט אַז ער וועט פערבלאָנזעט ווערן און וועט אַנקומען אין דעם קאַלטן וואַלד, דאַריבער איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן גרינגע זומער קליידער, דאַדורך פלעגט ער נעבעך גאַנצע נעכט נישט קענען צו מאַכן אַ אויג, דען ער האָט געציטערט פון שרעק און פון די שאַרפע קעלט. מיד און אָפּגעפלאַגט פון ווייניג עסן און ווייניג שלאָפן, האָט ער נעבעך געריטן אין דעם געדיכטן וואַלד, טאָג נאָך טאָג, אָן אַ ציל, פיעל מיט שמערצן און פיין.

אין אַ פרייטאָג פרי, ווען רבי יצחק דערוועקט זיך אויף דעם בוים, ווי ער האָט זיך געהאַט געלייגט די נאַכט, האָט ער גאַרנישט דערקאַנט אַז עס איז שוין טיעף אין טאָג. די שאַרפע ווינטן וואָס האָבן געבלאָזן אַ גאַנצע נאַכט, האָבן צוזאַם געשלעפּט אַזעלכע טונקעלע וואָלקענס וואָס האָבן פאַרשטעלט די גאַנצע ליכט פון דעם טאָג. ער נעמט זיך דאַווענען מיט גרויס כוונה אַזוי ווי זיין שטייגער פלעג זיין, דאַן עסט ער פרישטיק, אַ כזית ברויט, דען אין די וואָכענטעג האָט ער נישט געגעסן מער פון אַ כזית ברויט, פון ווען ער האָט דערזען אַז דאָס עסן האַלט זיך אים ביים ענדיקען. נאָכן בענטשן האָט ער זיך שוין נישט אַרויף געזעצט אויף דעם פערד ווייטער צו רייטן, דען פרייטיג פלעגט ער נישט צו רייטן, נאָר ער פלעגט זיך צו זאַם צו שטעלן פון צווייגן אַ קליין שטיבעלע, אין וועלכן ער פלעגט אָפּרעכטן דעם שבת. יעצט האָט ער זיך אויך גענימען

צוזאַם צו שטעלן דאָס שטיבעל, עס איז אים אַפּילו שווער אָנגעקומען, דען ער איז שוין געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט, און אויך די ווינטן זענען היינט געווען פיעל שטערקער ווי געווענד-ליך, און די קעלט פיעל שאַרפער, אבער נאָך פיעל אַנשטרענגונג איז אים געלונגען אויף צו שטעלן גאַנץ אַ שטאַרק שטיבעלע.

פאַר נאַכט האָט ער געפּרובט זיך צונעמען מאַכן הכנות אויף קבלת-שבת, ער פּרובט איינמאָל און נאָכאַמאָל, אָבער עס גייט אים נישט, זיין האַרץ איז פיל מיט ווייטאָג און פיין, ער קאָן אין זיך נישט אריינברענגען אַ ביסעל פרייד. אויך איז זיין קער-פער דורך געפרוירן, אַז ער קאָן זיך נישט רירען. דער ווינט איז אַלצס רוישיגער געוואָרן, און די קעלט אלצס שטאַרקער. אַ האַלבע שעה פאַר שבת האָט זיך גענומען פאַלן פון הימעל א גע-דיכטער שניי. רבי יצחק האָט זיך געשטאַרקט מיט די לעצטע קרעפטן, ער איז אַרויס פון שטיבל, און ער האָט אָפּגעהאַקט נאָך עטליכע צווייגן, און צו גערעקט דאָס שטיבל אַז דער שניי זאָל נישט אַריין פאַלן, דאַן איז ער צוריק אַריין אין שטיבעל מיט אַ פערקלעמט האַרץ, בעטראַכטענדיג זיין ביטערע לאַגע וואָס ער געפינט זיך אין איר. ער טראַכט זיך אַזוי נאָך אַ שבת ברויך איך אָפּרעכטן אין דעם שרעקליכן וואַלד, הערשט יעצט איז ער געווען אַ געציטערט בן-זקונימ׳ל ביי זיין חשובן טאַטן רבי ברכיה, עס האָט אים נישט געפעלט פון בעסטן און שענסטן, עס קומען אים אויף די געדאַנקען די זיסע לוסטיגע שבתים וואָס מען האָט אָפּגעראַכטן ביי זיין פּאַטערס טיש, און יעצט איז ער דאָ אין דעם ביטערן וואַלד נענטער צו טויט ווי צו לעבן, פול מיט שרעק, ציטערט פון קעלט, דאָס האַרץ חלשט פון הונגער, און די ביינער ברעכען פון מיעדקייט. אוי! דער טויט איז שוין בעסער ווי אַזאַ לעבן. אַזוי האָט זיך געבעך רבי יצחק אַליין בעדויערט און בעוויינט זיין אומגליק.

## ב.

בהדי פניא מעלי שבתא. אבער ווי עס האט נאר אנגעהויבן צו טונקלען פון די נאכט, האט גלייך דער היילגער שבת געגעבן זיינע צייכענס אין רבי יצחק'ס הארץ, ממש א נייע נשמה איז אין אים אריין געקומען, דאס טרויריקייט און דאס שוואכקייט איז אינגאנצן פערשווינדן געווארן פון אים, און אויף דעם ארט איז געקומען א אומבאגרענצטע פרייד, פון מינוט צו מינוט איז זיין פרייד אלטס געוואקסן און גרעסער געווארן, ווען רבי יצחק האט זיך גענומען מקבל שבת זיין, איז שוין בשום אופן נישט געוועזן צו דערקאנען אז ער איז א מאל טרויריג געוועזן, אפילו די קעלט וואס האט הערשט פריער געהאט דורך געפרוירן זיינע ביינער, איז אויך פערשווינדן געווארן. צו קבלת שבת איז ער ארויס פון זיין שטיבעל אין וואלד אריין, אזוי ווי זיין שטייגער פלעגט יעדן שבת צו זיין, ער האט געזען דעם הויכן שניי וואס איז אן געפאלען אין דער קורצער צייט וואס ער איז געוועזן אין שטיבעל, ער האט אבער גארנישט געזארגט ווי אזוי ער וועט קענען זונטיג ווייטער רייטן אין אזא שניי, גאר אנדערשט האט ער די זאך בעטראכט, אוי וואס פאר אשיינעם ווייסן שבת'דיגען לבוש דאס גאנצע וואלד און די גאנצע פראכט האט זיך אנגעטון לכבוד שבת-קודש.

נאך קבלת-שבת איז ער צוריק אריין אין זיין שטיבל און פון דארט נישט ארויס א גאנצן שבת. נאך אפיער כזיתים ברויט האט ער געהאט אין זיין זעקל. אין די וואכענטעג וואלט עס אים גענוג געוועזן אויף פיער טעג, שבת האט ער דאך אבער געגעסן דריי סעודות, איז דאס נאר גענוג געוועזן אויף צוויי טעג. ער האט שוין פון דעם אליין געקענט פערשטיין אז זיין לעבן האלט זיך ביים ענדיגן, אבער דאס האט אים גארנישט קלענער געמאכט זיין פרייד, פונקט פארקערט וויסענדיק אז דאס איז

דער לעצטער שבת פון זיין לעבן, האָט ער נאָך דעם שבת מיט אַ גרעסערע שמחה און התלהבות אָפּגעראַכטן, די פרייד און דער ברען איז ביי אים אַזוי שטאַרק געווען אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אַז ער געפינט זיך אין אַ שרעקליך וואַלד, און אין אַ גרויסע סכנה. ווי שפּעטער אַ שעה איז זיין שמחה אַלץ גרעסער געוואָרן ער האָט געזונגען און געטאַנצט פון גרויס פרייד. ביז שפּעט אין די נאַכט האָט ער פּערצויגן דעם שלש-סעודות, ער האָט זיך פּשוט נישט געקענט געזעגענען פון דעם הייליגן שבת און פון דער נשמה-יתירה. נאָך שלש-סעודות האָט ער געדאַווינט מעריב מיט גרויס התלהבות, הבדלה געמאַכט, און דאַן האָט ער ארויס גענומען פון זעקל דעם פערדן כזית ברויט דעם לעצטן כזית וואָס ער האָט נאָך געהאָט, און מיט גרויס שמחה זיך געזעצט אָפּרעכטן די סעודה מלוה-מלכה. מיט אַ לוסטיג געמיד האָט ער געזינגען „דאָ הוא סעודתא דדוד מלכא משיחאָ". הערשט פאַר טאָג האָט ער זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ פריילעך האַרץ, ווי ער וואָלט קיינמאָל אין קיין מדבר געווען.

זונטיג פרי שטייט ער אויף דאַווענט ווי זיין שטייגער איז מיט גרויס כוונה, אָבער אַ כזית נאָכן דאַווענען האָט ער שוין נישט געגעסן, דען דאָס זעקל איז שוין געווען ליידיק. ער גייט אַרויס פון דעם שטיבעל און קוקט זיך אַרום און אַרום, עס זעט אויס אַז אין דרויסן איז גאָרנישט געווען אַזאַ גרויסע שמחה גאַנץ שבת, ווי אין דעם שטיבל. די צווייגן פון די ביימער ברעכן זיך כמעט אַרונטער פון דעם שווערן שניי וואָס האָט זיך בעזעצט אויף זיי איבער דעם שבת, די ווינטן בלאָזן נאָך פיעל שאַרפער ווי ערב-שבת. דער שניי איז אַזוי הויך אַז עס איז גאָר אוממעגלך צו גיין אין אים. קודם האָט זיך געטראַכט רבי יצחק, בדרך הטבע קען איך דאָך שוין געוויס נישט בלייבן לעבן דען ער וועט דאָך געוויס נאָך אַ טאָג צוויי

שטאַרבן פון הונגער, איז דאָך בעסער אַז ער זאָל זיך נישט אנמאַטערן, און צוריק אַריינגיין אין זיין שטיבל, און רוהיג שטאַרבן אויף זיין געלעגער פון צווייגן וואָס ער האָט געהאַט דאָרט צו געריסט. אָבער גלייך האָט ער חרטה געהאַט פון דעם געדאַנק, ביז די הייליגע-נשמה געפינט זיך ביי דעם גוף פון דעם מענטש — האָט ער זיך געטראַכט — מוז ער מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען זי צו דער האַלטן, אַפילו ער זעט נישט אויף וואָס פאַראַ אופן ער קען געראַטעוועט ווערן. נאָר אַז נאָך אַלעם וועל איך אַלטס שטאַרבן פון הונגער אָבער קעלט, גיב איך איבער מיין נשמה מיט פרייד צו השי"ת. און גלייך ווי ער האָט ביי זיך אַזוי בעשלאָסן האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַלע קרעפטן, און איז אַרויף אויף זיין פערד און זיך גענומען ווייטער רייטן טיפער און טיפער אין דעם וואַלד. צו-ליב דעם הויכן שניי האָט דאָס פערד קוים געקענט הייבען די פוס, און ווי לאַנגזאַמער דאָס פערד האָט געריטן, איז די קעלט אַלטס מער אַריין אין זיינע ביינער. אַזוי איז געבך רבי יצחק געזעסן אויף דעם פערד האַלב פערחלשט פון הונגער. און האַלב פאַרפרוירן פון קעלט, און זיך געראַנגלט מיט'ן טויט, ווער עס וואַלט אים דעמאַלט געזען, וואָלט גלייך פערשטאַנען אַז נאָך אַ פּאָר מינוט פאַלט ער אַראָפּ אין שניי אַ פערחלשטער, און מסתמא וועט ער שוין דאָרט בלייבן ביז תחיית המתים.

ג.

ורוח הסערה. דער שטאַרקער שטורעם ווינט האָט אָבער נישט נאָר אויף רבי יצחק אַליין געשטורעמט, און נישט נאָר אין דעם וואַלד ווי רבי יצחק האָט זיך געפינען האָט ער צוזאַם געשלעפּט די שוואַרצע וואָלקענס, נאָר אויך, און

בעיקר, אויף דעם ים. נישט ווייט פון דעם וואַלד האָט זיך געפינען דער גרויסער אָוקיאַנוס, אויף דעם אוקיאַנוס איז זיך שטיל און רוהיג געפאָרן אַ גרויסע און שיינע שיף, די שיף האָט געפירט אַן אַלטער יוונישער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן, וואָס איז געווען בעקאַנט אויף דעם ים, בעסער ווי אויף די טרוקעניש, פון קינד ווייז אויס איז ער שוין ארים געפאָרן אויף דעם ים, זיינע אָבות אָבותיו זענען אויך געווען שיפ׳ס-קאַפּיטענער. דעם פרייטיג ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן די שטאַרקע ווינטן אין וואַלד, און אויף דעם ים, איז דער שטילער און רוהיגער אוקיאַנוס, איבער געדרייט געוואָרן אויף אַ רוישיגען און אַ שטורעמדיגן, די וואַלן האָבן געהויבן די שיף אין די לופטן, זיי האָבן זי כמעט צו גערירט ביז צו דעם הימעל, און אַראָפּ געשליידערט כמעט ביז צו דעם תהום. דער אַלטער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן מיט זיינע מאַטראָזן האָבן נעבך געאַרבייט מיט שווייס, זיי האָבן געוואָרפן דעם אַנקער פון די שיף אין אַלע זייטן,

אָבער דער שטורעם ווינט האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט געוואָלט וויסען, ער האָט געשליידערט די שיף מיט זיין גרויסן שטורעם אָן אַן אויפהער. אַ גאַנצן שבת האָט דער ווינט אַזוי געפירט די שיף אַן דעם זיי זאָלן וויסן ווי אַהין זיי פאָרן, דער געלערנטער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן אַליין האָט שוין אויך נישט געוואוסט ווי זיי געפינען זיך. ביז זונטיג מיטאָג האָט זיי דער שרעקליכער ווינט אַזוי עגשלעפּט.

זונטיג מיטאָג האָט זיי דער ווינט צו געשלעפּט צו דעם באָרטן פון ים, עטליכע מאַטראָזין זענען גלייך אַראָפּ אויף דער טרוקעניש אין האָבן צו געבונדען מיט גרויסע און דיקע שטריק די שיף צו די ביימער. דאָן האָבן זיי זיך גענימען אַריין גיין אין וואַלד, אפשר וועלן זיי קענען עפּעס יעגען, אַ הערש אָבער אַ אַנדערע חיה, דען ווער ווייס ווי לאַנג זיי וועלן

ברויכן דאָ זיין. ווי די מאַטראָזן גייען אַזוי אין וואַלד זעהען זיין פון די ווייטענס עפּעס אַ בעשעפעניש רירט זיך פון אָרט. פונקטלך וואָס דאָס איז האָט מען נישט געקענט זען, דען עס איז געווען צו געדעקט מיט שניי, איינער פון זיי האָט שוין אויסגעצויגן דעם בויגן און געוואָלט אָראָפּשיסען די חיה, אָבער אין די לעצטע מינוט האָט אים דער צווייטער אָפּגעהאַלטן, און אים געזאָגט עס דאַכט זיך מיר אז עפּעס אַ קול פון אַ מענטש הער איך שרייען. פון יענעם אָרט ווי די ווילסט שיסען, ער הערט זיך גוט איין און קוקט שטאַרק אויף דעם אָרט ווי ער האָט געוואָלט שיסען, זעט ער ווי איינער ווייסט מיט דעם הוט אין די הענט, און ווינקט אַז מען זאָל נישט שיסען.



די מאַטראָזן שיסען אויף רבי יצחק.

ווי זיי קומען נענטער זעהען זיי ווי אַ מענטש וואָס זיינע קרעפטן האַלטן זיך ביים ענדיגן, זיצט אויף אַ פערד וואָס איז

כמעט פערפרוירן, זיי שלעפן צו דאָס פערד ביז צו די שיף, נעמען אַראָפּ רבי יצחק׳ן אויף די שיף, זיי לייגען אים אין אַ וואַרעם בעט אַריין, ער וואַרעמט זיך דורך ביז ער האָט שוין געקאָנט עפענען דאָס מויל און עפּעס רעדן, דאַן האָבן זיי אים צו געפירט צו דעם שיפ׳ס-קאַפּיטאַן, ער פרעגט אים אויף וואָס פאַראַ אָרט געפונען מיר זיך דאָ, רבי יצחק ענפערט אים אַז ער אַליין האָט זיך אויך פערבלאָנזשעט אַ העט, און ער ווייסט אויך נישט ווי ער געפינט זיך. די נאַכט האָט שוין רבי יצחק רוהיג געשלאָפן אויף די שיף.

אין דער פריא ווען די מענטשין פון די שיף זענען אויפ-געשטאַנען, האָבן זיי געזען אַז דער וועטער האָט זיך אַ ביסעל געבעסערט, דער ווינט איז שוין אַ געוועגדליכר, דער שניי האָט איגגאַנצען אויף געהערט צו פאַלן, און אַפּילו די זון האָט אָנגע-הויבן צו שיקן אירע ליכטיקע שטראַלן פון צווישן די טונקעלע וואָלקענס.

ויסעו. דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן האָט געגעבן אַ באַפעל מען זאָל אָפּ בונדן די שיף, און אויסציען די זעגל-לייַלאַכער, און ויסעו. מען האָט אָנגעהויבן זיך צו דערווייטערן אויף דעם ים, די ווינטן זענען געווען גוטע, און די שיף האָט זיך ממש געגליטשט איבער די וואַלען פאַרויס, צען טעג זענען זיי געפאַרן צווישן הימעל און וואַסער אין דער בעסטער אָרדענונג. דאָנערשטיק, דעם עלפטן טאָג, האָט זיך ווייטער גענומען בלאָ-זען אַ שטורעם ווינט, אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שטורעם ווינט געיאָגט די שיף גאַר שנעל, פרייטיג אין דער פרי — סטאָפּ. די ווינטן ווערן שטיל, די וואַסערן ווערן רוהיג ווי אַלעס וואָלט איינגעשלאָפן. פון אויוון האָט זיך גענומען פאַלן גאַנץ אַ געדעכטער שניי. די צייט איז אַזוי שטיל געוואָרן אַז די שיף האָט זיך אפילו אַ ריר נישט געגעבן

פון אָרט. דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן מיט די מאַטראָזן דרייען נעבעך מיט דעם רידער פון די שיף אין אלע זייטן, אָבער זייער גאַנצע אַרבייט איז אומזיסט, די שיף רירט זיך נישט פון אָרט.

די מענטשן פון שיף טוען אַ קוק דעם קאַפּיטאַן אין פּנים אַריין, זעען זיי אַז דאָרט איז טונקעל און פינסטער. האָבן זיי גלייך פאַרשטאַנען ווי ביטער די לאַגע איז.

ויאסוף רב החובל. דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן לאָזט צו זאַמ רופן אַלע מענטשן וואָס האָבן זיך געפינען אויף די שיף, און זאָגט צו זיי:

ליבע ברודער!, וואָס זאָל איך פאַן אייך פערהוילן?, מיר געפונען זיך אין אַ שרעקליכע סכנה!, מיר זענען דאָ פאַרפאָרן אין איינעם פון די געפערליכסטע ערטער וואָס געפינט זיך אין דעם ים. אויף די שפּראַך פון די שיפ׳ס-קאַפּיטענער רופט זיך דאָס דאָזיקע אָרט „תהום-שטילקייט״. פערפאָרט אַהער אַ שיף, פאַרט זי שוין נישט ווייטער, סיידן עס טרעפט זיך ניסים און אַ ווינטעל פערבלאָנזשעט אַ הער. ניסים, מיינע ליבע פריינד, טרעפט זיך איינמאָל אין אַ פּאָר הונדערט יאָר.

מיין עלטער זיידע, וואָס איז אויך געווען אַ שיפ׳ס-קאַפּיטאַן, האָט מיר געזאָגט אַז איינמאָל האָט איינגאַנצן פּאַסירט דאָס אַ שיף איז אַרויס פון דעם „תהום-שטילקייט״, ער האָט דאָס בקבלה געהאַט, אַז איינער פון זיינע עלטער עלטער זיידעס וועלכער איז געווען פון די גרעסטע שיפ׳ס-קאַפּיטענער אין די וועלט, — ער איז געווען אַלכסנדר מוקדונס שיפ׳ס-קאַפּי-טאַן, — איז איינמאָל אַ הער פערקראָכן, די שיף איז געשטאַנען אויף דעם אָרט דריי חדשים אָן ווינט. די גאַנצע שפּייז האָט זיך זיי אויסגעלאָזט. אַז די מענטשן פון שיף האָבן שוין געהאַלטן ביי שטאַרבן פון הונגער, האָט מיין זיידע אַלע צוזאַם גערופן, און האָט זיי געזאָגט, פאַר וואָס זאָלן מיר אַלע

שטאַרבן פון הונגער אויף איינמאָל, אַז אַפילו עס וועט שפּעטער יאָ קומען אַ ווינט, וועט ער שוין נישט האָבין וועמען צו ראַטעווען. מיין עצה איז אַז מיר זאָלן וואַרפן גורל צווישן אונז, אויף וועמען עס וועט פאַלן דער גורל וועט מען אים שחטן, און מיר וועלן זיך דערהאַלטן דאָס לעבן מיט זיין פלייש, אַלע מענטשן האָבן נעבעך איינגעוויליגט אויף זיין עצה, און זיי האָבין אַזוי געטוען. ביים סוף איז יאָ עפּעס געקומען אַ ווינטל און האָט די שיף אַרויס געשלעפּט פון דעם „תהום-שטילקייט”, אָבער גאָר ווייניק מענטשן זענען נאָך געווען אויף די שיף. דאָס איז דאָס איינציגע מאָל וואָס איך וויים אַז אַ שיף איז אַרויס פון דעם „תהום-שטילקייט”.

ווי די מענטשן פון שיף האָבן דערהערט די שרעקליכע ווערטער פון דעם שיף-קאַפּיטאַן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו וויי-נען און קלאָגען. דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן גיט אַ באַפעל: אַלע שפּייזן וואָס געפינט זיך אויף די שיף זאָל מען מיר אַהער ברענגען! אַלע האָבן גלייך צוגעברענגט דאָס גאַנצע עסן וואָס זיי האָבן געהאַט, צו דעם קאַפּיטאַן, ווען דאָס עסן איז שוין געלעגן אונטער זיינע הענט, האָט ער איבער געקוקט פּונקטלעך וויפיל שפּייז עס איז דאָ, און האָט געזאָגט, לויט ווי איך זעה איז גאַנץ ווייניק שפּייז דאָ אויף דער שיף, אויב מיר וועלן עסן יעדן טאָג געוועגדליכע סעודות ביז צו דער זעט, וועלן מיר אין אַ קורצע צייט שטאַרבן פון הונגער. דאַ-ריבער מוזן מיר זיך איינטיילן מיט דער שפּייז אַז זי זאָל אויסקומען אויף די לענגסטע צייט וואָס קען נאָר זיין. יעדער איינער וועט באַקומען אַ שטיקעל ברויט וואָס איז גרויס ווי אַ כזית, אויף איין סעודה, נאָר דאָס לעבן צו דער האַלטן, און מער פון צוויי סעודות אַ טאָג וועט קיינער נישט באַקומען, איין סעודה אין דער פרי און איינע ביי נאַכט. יעדעס מאָל

וועט מען געבן וועגן דער סעודה וואס מען האלט ביי איר, פארויס וועגן א צווייטע סעודה וועט מען נישט געבן, דען איך בין זיכער, אז ווער עס וועט בקומען אויף איינמאל וועגן צוויי סעודות, וועט פון גרויס הונגער די צוויי סעודות אויפעסן ביי דער ערשטער סעודה. און ביי דער צווייטער סעודה וועט ער זיין א מסוכן, וועל איך דאך אים מוזן געבן א דריטען כזית ביי דער צווייטער סעודה, און דאס קען ברענגען אז אין א קורצע צייט וועלן מיר בלייבן אן עסן, דאריבער וועט יעדער איינער נאר באקומען דעם כזית וועגן דער סעודה וואס מען האלט ביי איר. אויב מיר וועלן זיך אזוי פירן, און קיינער וועט נישט עסן מער פון צוויי כזיתים א טאג, האבן מיר שפייז אויף א דרייסיק טעג, האט דער קאפיטאן אויסגעלאזסט זיינע ווערטער.

פרייטיג פאר נאכט האט דער קאפיטאן געטיילט די ערשטע סעודה, יעדן האט ער געגעבן א כזית ברויט, אויף די נאכטיקע סעודה. ווען ער איז צו געקומען צו רבי יצחק'ן האט ער אים געזאגט, כאטש דיר קומט דאך נישט אפילו איין כזית אויך נישט, דען די האסט דאך מיט דיר גאר קיין עסן געברענגט, און עס קען אויסקומען אז צוליב דיר וועלן מיר ברויכן שחטן א מענטש, פון דעסט וועגן וועל איך דיך נישט לאזן שטארבן פון הונגער, און וועסט בעקומען גלייך מיט יעדן. און ער האט אים טאקע געגעבן א כזית גלייך מיט אלעמען. עס זענען געווען אויף די שיף א זעלכע מענטשן וואס עס האט זיי שטארק פארדראסן אויף דעם קאפיטאן, פאר וואס ער האט אים געגעבן א כזית ברויט גלייך מיט אלעמען, זיי האבן שטילערהייט געזאגט איינער צו דעם צווייטן דער קאפיטאן איז א גוטער אויף אונזער לעבן. אויף דעם קאפיטאן וועט מען געוויס נישט ווארפן קיין גורל נאך דרייסיק טעג, אבער אונז קאן נאך זיין אז מיר וועלן

געשחטן ווערן צוליב זיין גוטהערציקייט. זיי האָבן געקריצט מיט די ציין, אָבער קיין וואָרט האָבן זיי אים נישט געזאָגט.

ד.

ויתעצב אל לבו. ווי רבי יצחק האָט בעקומען דעם כזית אויף די נאַכטיקע סעודה, אַ שטאָט ער זאָל זיך פרייען אַז דער קאַפּיטאַן האָט מיט אים געטאָן אַ חסד חינם, און לאָזסט אים נישט שטאַרבן פון הונגער, האָט ער גאָר געהאָט גרויס צער דערפון. דאָס איז דער ערשטער שבת אין זיין לעבן — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס ער וועט נישט מקיים זיין די מצווה פון שלש-סעודות אין שבת, די געליבטע מצווה וואָס ער האָט אויף זיך מקבל געווען. ער האָט פערשטאַנען אַז בעטן מען זאָל אים פריער געבן דעם כזית פון מוצאי-שבת טאָר ער נישט, ווייל די אַלע וואָס קריצן מיט די ציין פאַר וואָס ער האָט בכלל באַקומען צו עסן, קוקן נאָר אַרויס אויף אַ געלעגנהייט, און אויב ער וועט נאָר עפענען דאָס מויל וועלן זיי אים איינשלינגען לעבעדיגער-הייט, דאַריבער איז ער נעבעך געזעסן שטיל, און אין אַ ווינקעל פון די שיף האָט ער אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר השי״ת, קיינעם איז עס נישט געווען קיין וואונדער אַז ער וויינט, ווייל ווער האָט דען נישט געקלאָגט און געוויינט אויף דער שיף הערענדיק די שרעקליכע ווערטער פון דעם שיף קאַפּיטאַן, אַז אין אַ קורצע צייט אַרום וועט איינער דעם צווייטן אויפעסן. אַזוי ביטער האָט רבי יצחק געוויינט ביז ער האָט דערזעען אַז עס איז שוין שפעט אין די נאַכט, און ס'איז שוין שבת. ווי עס איז אים נאָר אויף זיינע געדאַנקען געקומען אַז דער הייליגער שבת איז שוין דאָ האָבן גלייך זיינע הייסע טרערן וואָס זענען געלעגן אויף זיינע איידעלע

באַקן אויסגעטרוקנט, און דאָס שרעקליכע טרויעריקייט וואָס האָט באַדעקט זיין הייליק פּנים איז פערשוואונדען געוואָרן, און אויף דעם אָרט האָט זיך בעוויזן אַ פריילליכע ליכטיקע שבת-צורה. די שמחה פון דעם הייליגען שבת קען קיין שום זאַך נישט צו שטערן. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, און איז ארויף אויף דעם דאַך פון די שיף מקבל שבת זיין.

חדוותא דשבתא. ווער עס האָט נישט געזען די שמחה וואָס רבי יצחק האָט געהאַט ווען ער האָט מקבל געווען דעם שבת, האָט נישט געזען קיין שמחה אין זיין לעבן, מיט אַ לוסטיגע שטימע האָט ער געזאָגט: רבונו-של-עולם, פאַר דיר איז דאָך אָפען מיין צובראָכען האַרץ, די ווייסט דאָך אַז מיט מיין גאַנצן האַרץ און מיט מיין גאַנץ לעבן האָב איך געוואָלט מקיים זיין דיין מצווה פון שלוש-סעודות-בשבת ווי דער דין איז, און אַז עס איז פון מיר פערמייד געוואָרן, איז דאָס ווייל דיין הייליקער ווילן איז אַזוי אַז דעם הינטיגען שבת זאָל איך נאָר עסען צוויי סעודות, בין איך דאָס אויך מקבל מיט ליב-שאַפט, און איך וועל חלילה נישט צושטערן דעם הייליגן שבת. ווי ער האָט געענדיגט די ווערטער האָט ער מקבל-שבת געווען מיט גרויס שמחה. דאַן האָט ער זיך געוואַשען די הענט, און מיט אַ אויסער געוועהנליכע שמחה זיך געזעצט צו דער סעודה, ווי גלייך עס וואָרט אים דאָ די בעסטע מאַכלים, ער האָט מיט גרויס הנאָה געגעסן דעם כזית, און זיך געפירט ווי גלייך ער וואָלט געזעסן ביי זיין חשובן פאָטערס טיש אין לאַנד כוזר, אַזוי האָט ער אויך אָב געפירט די סעודה שבת אין דער פרי, עס איז אים אָפילו נישט אויף די געדאַנקען געקומען די ווערטער פון דעם קאַפּיטאַן אַז זיי געפינען זיך אין דעם „תהום-שטילקייט", דער אַנדערער עולם ווידער, וואָס האָט זיך געפינען

אויף די שיף האָט נישט אויפגעהערט פון קלאָגן און וויינען אַ גאַנצע צייט.

וביום השבת. שבת נאָך חצות מאַכט רבי יצחק זיינע הכנות צו מנחה דאַווענען, ער דאַוועֶנט מיט גרויס כוונה, און גרויס שמחה. נאָך מנחה ווען זיין געוואוינהייט איז געווען זיך צו וואַשן צו שלוש-סעודות, האָט זיך געגומען אין אים ברענען אַ פייער, עס האָט אים אָנגעהויבן צו קלעמען ביים האַרץ, אוי עס גייט דורך דער שבת, און ער וועט נישט האָבן מקיים געווען די מצוה פון שלוש-סעודות, ער פערטרייבט אָבער גלייך די טרויריקייט און זינגט זיך מיט אַ זיסע שטימע „ישמחו במלכותך שומרי שבת וקוראי עונג״, „עס וועלן זיך פרייען מיט דיין קעניגרייך השי״ת, די יודן וואָס היטען דעם שבת, אין זיי רופן אין אים אַ פאַרגעניגן״, אַזוי האָט ער זיך אַרום געראַנגעלט מיט זיך אַליין, דאָ האָט ער געזען עס איז שוין דורך נאָך אַ שעה אין ער האָט נאָך נישט מקיים געווען די מצווה פון שלוש-סעודות, און דאָ האָט ער דערזען אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ טרויריקייט.

פלוצלונג גיט ער אַ לויף צו צו דעם קאַפּיטאַן און זאָגט אים אדוני רב-החובל, מיין הער, שיפ׳ס-קאַפּיטאַן איך וויס און שפיר ביי מיר אין האַרץ אַז דו האָסט מיט מיר געמאַכט דעם גרעסטן חסד וואָס מען קען נאָר מאַכן מיט אַ מענטשן, דאָס טייערסטע וואָס איז ביים מענטש — דאָס לעבן — האָסט דו מיר געשענקט, איך פערשטיי אַז דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט, אין דער צייט ווען עס האַנדעלט זיך אין לעבן פון אַנדערע מענטשן. נאָר טאַקע דערפאַר, ווייל איך האָב מיר איבער צייגט דיינע איידעלע געפילן, דיין רחמנות׳דיג האַרץ, דאַריבער ערלויב איך מיר צו פערלאַנגען פון דיר נאָך איין גרויסן חסד, אַ טובה

וואָס ביי מיר איז זי נישט קלענער פון דעם ערשטען חסד וואָס די האָסט מיט מיר געטוען, דען אָן דער טובה איז די ערשטע טובה — דאָס לעבן — ביי מיר גאָרנישט ווערד. דאָ האָט אים רבי יצחק פערציילט אַז ער איז אַ יהודי, און ביי יודן איז דער זיבעטער טאָג הייליק, מען ברויך זיך פרייען אין אים און עסן דריי סעודות. אויך האָט ער אים פערציילט פון זיין פאָטערס צוואָה אַז זיינע קינדער זאָלן נעמען אויף זיך אַ מצווה וואָס זיי זאָלן אויף איר נישט עובר זיין דאָס גאַנצע לעבן, און אויב זיי וועלן דאָס מקיים זיין זאָגט ער זיי צו אַז זיי וועלן געראַטעוועט ווערן פון אַלע אומגליקען וואָס זיי וועלן זיך געפינען אין זיי. איך האָב אויף מיר גענימען די מצווה פון שלש-סעודות, האָט אים רבי יצחק געגעבן צו ערקלערן, אין מיין גאַנצן לעבן האָב איך נאָך קיין איינמאָל נישט פערפעלט פון צו עסן דריי סעודות אין שבת, יעצט אויב עס וועט דורך גיין דער שבת און איך וועל נישט האָבן געגעסן אין אים דריי סעודות, וועל איך מיך מיין גאַנץ לעבן ערגערן און האָבן צער דערויף, דאַריבער בעט איך דיר אַז דעם כזית פון די נאַכטיקע סעודה זאָל מען מיר געבן יעדן שבת נאָך ביי טאָג. איך בין זיכער — האָט רבי יצחק אויסגעלאָזסט זיינע ווערטער — אַז אויב איך וועל מקיים זיין אויך יעצט די מצווה, וועט מיין פאָטער נישט רוען אויף יענער וועלט ביז מען וועט אונז אַלע אַרויס שלעפן פון דעם „תהום-שטילקייט".

ווי דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן האָט געהערט די פייערדיגע ווערטער פון רבי יצחק, האָט ער אים געענפערט, איך פערשטיי דיך זייער גוט, און איך קלער דאָס איך וועל דיר קענען ערפילען דיין פערלאַנג, אבער, אַזוי ווי איך אַליין האָב דאָך געזאָגט אַז קיינער וועט נישט בעקומען פאַר דער צייט דעם כזית ברויט, דאַריבער וועל איך איבער שמוסען די זאַך מיט

אַלע מענטשן וואָס געפינען זיך אויף די שיף. ווי דער קאַפּיטאַן האָט פאַרגעלייגט פאַר די מענטשן פון די שיף רבי יצחק׳ס פערלאַנג, איז געוואָרן אַ לאַרעם און אַ גרידער אויף די שיף, יעצט האָבן ארויס געגעבן זייער בייז האַרץ די מענטשן וועלכע האָבן פריער ווען דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן פאַר רבי יצחק צו עסן גלייך מיט אַלע מענטשן געקריצט מיט די ציין. עטליכע יהודים זענען אויך געווען אויף די שיף, האָבן זיי זיך אויך צו געשטעלט צו די איבריגע מענטשן און זיי האָבן געשריגען צו רבי יצחק, מיר זענען אויך אַזעלכע גרויסע חסידים און מדקדקים במצוות ווי די ביזט, פון דעסט וועגן פערשטייען מיר אַז אין אַזאַ שעת-הדחק ברויך מען נישט מקיים זיין די מצווה פון שלוש-סעודות, עס האָט נישט געהאָלפן רבי יצחק׳ס רייד, אַז ער וויל דאָך נישט מען זאָל אים געבן מער צו עסן פון אַ צווייטן, ער וויל דאָך נאָר דעם זעלבן כזית וואָס מען גיט אים דאָך ממילא, זאָל מען אים דאָס געבן פריער מיט אַ פאָר שעה. אויך האָט ער געשריגען פאַר די יהודים וואָס זענען געווען אויף דער שיף, האָט׳ס אַ ביסעל בטחון אויף השי״ת! די הילף פון גאָט איז דאָך אין איין אויגן בליק, עס קען דאָך אין אַ קאָרצע צייט קומען אַ ווינט, און מיר וועלן אַלע געהאָלפן ווערן, זיין קול איז אָבער געווען אַ קול קורא במדבר, קיינער האָט אים נישט געהערט. דאָס גרידער און געטומעל איז געוואָרן אַלטס שטאַרקער און רוישיגער. זיי האָבן אים גישריגען, די חסיד! די צדיק! און דרייסיג טאָג אַרום וועסט דו עסן מענטשן פלייש אויף שלוש-סעודות.

ווי רבי יצחק האָט געזען אַז עס גיט נישט קיין עק, און נאָך אַ ביסעל איז שוין אַדורך דער הייליגער שבת און ער וועט נישט האָבן געגעסן קיין שלוש-סעודות, האָט ער געגבן אַ שפּרינג אַרויף אויף דעם טיש וואָס איז געווען אין די שיף,

און האָט אויסגעשריגען.

מיינע ליבע פריינד! איך וויל אייך זאָגן עטליכע ווערטער, און דאָן אויב איר וועט נאָך האָבן עטוואָס צו ענפערן, וועל איך גלייך אָנעמען אייער פסק. — עס איז גלייך שטיל געוואָרן, יעדער האָט שוין געוואָלט הערן וואָס רבי יצחק גייט דאָ זאָגן — הערט אויס מיינע רייד!, איך פערמאָג ביי מיר הונדערט טויזינט גאָלדענע דאַ-קאָטען, דאַכט זיך דאָס איר אַלע אין איינעם פערמאָגט נישט אַזאַ פאַרמעגן. די מצווה פון שלוש-סעודות איז ביי מיר חשובער ווי מיין גאַנץ פאַרמעגן, יעצט צוליב דער קליינער טובה וואָס איך בעט ביי אייך, אַז איר זאָלט מיר עטליכע שעה פריער געבן דעם כזית ברויט, גיב איך אייך אַ וועק מיין גאַנץ פאַרמעגן. הערט אייך גוט איין!, הונדערט טויזינד גאָלדענע דאַקאַטן. אָבער דערפאַר אַלע שבתים וואָס מיר וועלן דאָ זיין, וועל איך בעקומען דעם כזית פאַר דער צייט.

דער גאַנצער עולם איז געבליבן ווי צומישט הערנדיק אַזאַ גרויסע סומע געלט, קיינער פון די שיפ׳ס-לייט האָט אין זיין לעבן נישט גע׳חלומט צו זיין אַזוי רייך, ווי עס איז אים יעצט אויסגעקומען צו ווערן. עס האָט אויסגעקוקט אַז רבי יצחק בעקומט שוין דעם כזית, און עס וועט נישט אַ דורך גיין אַ שבת וואָס רבי יצחק זאָל נישט מקיים זיין די מצוה פון שלש סעודות.

פלוצלונג שפרינגט אַרויף איינער פון די שיפ׳ס-לייט, אויף דעם טיש לעבן רבי יצחק׳ן, אַ געזונטער גוי, וואָס נאָר זעענדיק זיין מגושמ׳דיקע צורה ברויך מען זיך נעמען ווידוי זאָגן — און גיט אַ געשריי אויף רבי יצחק׳ן, ווער ווילסטו דאָ אָפּנאַרן מיט דיינע דאַקאַטן!, וואָס אַ ווערט האָט היינט ביי אונז געלט, דעם וואָס מען וועט ברויכן שהט׳ן אין עטליכע טעג ארום, ווען דער גורל וועט אויף אים פאַלן, וועט נישט זיסער זיין דער טויט ווען ער וועט האָבן עטליכע

טויזנט דאָקאַטן אין טאַש. ניין, מיר זענען שוין קלוגער פון דעם, אַז זאָלסט אונז קענען אָפּנאַרן מיט דאָקאַטעז. דער יונג האָט נאָך נישט פערכאַפּט צו ענדיגן זיינע ווערטער, איז שוין צוריק געוועזן דאָס געטומעל און געשרייעריי, נאָך פיעל מער און העכער פון פריער. ווען איינער וואָלט געהערט דאָס געשריי, וואָס עס האָט זיך געטוען אויף די שיף, וואָלט ער זיכער געקלערט אַז רבי יצחק האָט געוואָלט אויסנאַרן דאָס גאַנצע עסן וואָס עס געפינט זיך אויף די שיף, און לאָזן אַלע מענטשן שטאַרבן פון הונגער.

ווי רבי יצחק האָט געזען דעם געטומעל וואָס עס טוט זיך אויף דער שיף, האָט ער פאַר שטאַנען אַז אויב ער וועט וואַרטן ביז די אַלע הונגעריקע בייזע מענטשן פון די שיף זאָלן שטיל ווערן, וועט דער הייליגער שבת אריבער גיין, און זיי וועלן נאָך נישט האָבן געענדיקט זייערע קולות, און ער ווידער וועט בלייבען אָנע שלוש-סעודות, האָט ער געגעבן אַ געשריי מיט אַלע זיינע כוחות, אַז דער גאַנצער עולם וואָס איז געוועזן אויף דער שיף האָט זיך דערציטערט, אַלע זענען געבליבן שטיל ווי שטימע מענטשן.

נאָך איין זאַך האָב איך אייך צו זאָגן, דאַן האָט איר מיט מיר געענדיקט — האָט רבי יצחק אויסגערופן מיט אַ דונערדיקע שטימע, און האָט ווייטער געזאָגט — די הייליגע מצווה פון שלש-סעודות איז ביי מיר טייערער אויך פון מיין לעבן!, הערט אייך גוט איין וואָס איך וועל אייך יעצט דאָ פאָרלייגן, אויב דער הייליגער ווילן פון השי"ת איז, אַז מיר זאָלן דאָ בלייבן אויף דעם ים ביז עס וועט צו קומען דערצו אַז עס וועט נישט זיין וואָס צו עסן, און מען וועט ברויכן וואַרפן גורל וועלכן מענטש צו שחטן, טראַג איך זיך אליין אָן, אַז מען זאָל מיר שחטן צו ערשט, אָנע גורל. איך טראָג אייך דאָס אָן מיט מיין גאַנצן האַרץ, נאָר איר זאָלט מיר ערפילן

מיין פערלאַנג און מיר געבן דעם כזית ברויט פאַר די צייט, אַלע שבתים ביז צו דער שחיטה. און אויך מיין ערשטן צו זאָגן, וואָס איך האָב אייך פריער צו געזאָגט אַז איך וועל אייך אַ וועק געבן מיינע הונדערט טויזנט גאָלדענע דאַקאַטן, וועל איך אויך מקיים זיין. יעצט זענען שוין די לעצטע מינוטן פון דעם היינטיקן שבת, אויב איר וועט נישט גלייך געבן איין אַנטוואָרט איז בטול מיין אַנטראָג.

איך וויל גלייך אַ תשובה פון אייך אַלע! יאָ, אָדער ניין.

ווען רבי יצחק האָט געענדיקט זיינע ווערטער איז דער עולם נאָך געשטאַנען ווי צומישט, קיינער האָט נישט געעפנט זיין מויל, ביז דער זעלבער שרעקליכער יונג וואָס האָט פריער געשריגען, אַז מען זאָל רבי יצחק'ן נישט געבן דעם כזית, איז צוגעשפרונגען צו דעם שיפ'ס-קאַפּיטאַן און האָט גישריגען מען זאָל גלייך געבן דעם כזית, דען באַלט איז שוין צו שפּעט, דער גאַנצער עולם האָט אויך אָנגעהויבן צו שרייען מען זאָל אים געבן, דער שיפ'ס-קאַפּיטאַן וואָס האָט אים נאָך פריער געוואָלט געבן, האָט גלייך מקיים פסק געווען, און אים געגעבן דעם כזית.

רבי יצחק האָט זיך גלייך געוואַשן די הענט צו שלוש-סעודות, צען מינוט בעפאָר דער שבת איז אַ וועק, די שמחה וואָס ער האָט געהאָט ביי דעם שלש-סעודות, איז קיין מענטש-ליכע האַנט נישט אומשטאַנד צו בעשרייבן. די אַנדערע מענטשן זענען זיך צוריק יעדער אויף זיין אָרט, און זיך גענומען ווייטער וויינען און קלאָגן, וויסענדיג וואָס עס וואַרט אויף זיי, אַלע האָבן געהאַלטן רבי יצחק'ן פאַר אַ משוגענעם, ער וועט דאָך זיין דער ערשטער קרבן, אַפילו קיין גורל וועט מען נישט וואַרפן אויף אים, און ער טאַנצט און זינגט זיך זמירות מיט גרויס הנאָה און פרייד, ווי גלייך עס וואָלט דאָ געווען אַ

גרויסע חתונה.

די יהודים וואָס זענען געווען אויף די שיף האָבן זיך פשוט געשעמט מיט אים, זיי האָבן אים געזאָגט, נאָך אַפּאַר וואָכן וועלן מיר ברויכן איינער דעם צווייטן אויפעסן און איר טאַנצט דאָ פון שמחה.

הערט שוין אויף צו טאַנצן, עס איז פשוט אַ חרפה פאַר די ערלים, האָבן זיי אים געבעטן.

איי יודען — האָט זיי רבי יצחק געענטפערט — עפעס רעט איר, זאָלט איר מיר מוחל זיין, גאַרנישט ווי יודען, ס׳טייטש גלייבט איר דען נישט, אַז אַ יעדע מינוט קאָן געשען דאָס נס, און עס וועט אַ בלאָז טוען דאָס ריכטיקע ווינטל, און מיר זענען אַלע געהאָלפענע. ווי קאָן אַ יוד לעבן אַפילו איין רגע אָן אמונה אין השגחה-פרטית און אין ניסים?, וואָס איז דען אַ יוד אויף דער וועלט, אויב נישט דאָס גרעסטע נס. לאָזט אָב די דאגות וואָס ברענגען גאָר קיין ניצען, שטעלט אַ וועק די בושה און קומט לאָמיר כאַפּן אַ ריקוד׳ל לכבוד שבת-קודש. רבי יצחק האָט נישט געמאַכט קיין שהיות און האָט זיך גענומען ווייטער טאַנצען מיט גרויס התלהבות, און מיט אַ הויכע שטימע האָט ער אַריין געשריגען אין דעם „תהום-שטילקייט” „עם מקדשי שביעי ישבעו ויתענגו מטובך”, דאָס הייסט, דאָס יודישע פאָלק וואָס היילִיקט דעם שבת, וועלן זיך זעטיגן, און וועלן זיך פאַרגעניגען פון גאָט׳ס גוטקייט.

מוצאי-שבת האָט רבי יצחק גענומען די הונדערט טויזנט גאָלדענע דאָקאַטן און האָט זיי אַוועק געגעבן דעם שיפ׳ס-קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל זיי צוטיילן צווישן די מענטשן פון די שיף. דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן האָט אים אַפילו געבעטן, דאָס ער זאָל זיך איבער לאָזן עטליכע הונדערט דאָקאַטן, כדי ער

זאָל נישט בלייבן אָן אַ פּרוטה ביי די נשמה. אָבער רבי יצחק האָט נישט געוואָלט אַראָפּ נעמען אַפילו אַ רענדל, ער האָט געזאָגט דעם קאַפּיטאַן, ווען עס וואָלט געפעלט עטליכע דאָקאַטן פון די הונדערט טויזנט, וואָלט איך פערקויפט מיין מאַנטל, און וואָלט משלים געווען דעם סכום, דען ביי אונז יהודים איז דאָס וואָרט גאָר הייליג, און וואָס מען זאָגט ארויס מיטן מויל מוזמען פונקטלך איינהאַלטן.

## ה.

יום אחר יום חלף. טאָג נאָך טאָג איז פאַרגאַנגען אין דעם „תהום-שטילקייט", און די שיף רירט זיך נישט פון אָרט. דער וועטער האָט זיך איבער דער צייט עטליכע מאָל געביטן, עס איז שוין געווען קילער און וואָרמער, עס האָט שוין איבער דערצייט גערעגענט און געשניינט, אָבער די שיף איז אַלצס געבליבן אויף איין אָרט. די מענטשן פון די שיף האָבן געהאַלטן אַ גאַנצע צייט אין איין וויינען און קלאָגן. יעמערליכע קולות האָט זיך געהערט פון דער שיף, אַ חלק האָבן געשריגן וועגן זייערע ווייבער מיט די קינדער, אַ חלק וועגן זייערע ברודערס און שוועסטערס, די קולות זענען נישט געווען מיט אַ סדר, נאָר יעדער איינער האָט געוויינט און געשריגען לויט ווי ער האָט זיך געקאָנט שטאַרקן, אַ מאָל האָט איינער געשירגען העכער, און אַ מאָל דער צווייטער. איין קול האָט זיך אָבער אַ גאנצע צייט געהערט, העכער פון אַלע, דאָס איז געווען דאָס קול פון אַ יונגן בחור, וואָס איז אַלט געווען בערך אַ צוואַנציג יאָר, מיט אַ יעמערליכע שטימע האָט ער אַ גאַנצע צייט געשריגן, אוי ווי איז נעבך צו מיינע עלענדע עלטערן, זעכציק יאָר האָבן זיי קיין קינדער געהאַט, דאַן בין איך זיי געבוירן געוואָרן אַ איין איינציקער זון, דאָס גאַנצע לעבן האָבן זיי זיך אַ וועק

געגעבן וועגן מיר, און יעצט בלייבן זיי אָן מיר, זיין געשריי האָט געקאָנט מאַכן צוגיין אַפילו אַ שטיינערן האַרץ. מיט זיין יעמערלך קול האָט ער אַ גאַנצע צייט געשריגן, עס קומט מיר, איך האָב דאָס מיר פאַרדינט, מיינע עלטערן האָבן זיך נעבעך געבעטן צו מיר מיט טרערן אין די אויגן, אַז איך זאָל נישט פאָרן, איך האָב זיי אָבער נישט געהאָרכט, אַזוי גייט עס אויס פאַר די וואָס פאָלגן נישט זייערע עלטערן. פון טאָג צו טאָג זענער אַלצס די קולות שוואַכער געוואָרן, דען פון פיעל הונגער און פון פיעל וויינען און קלאָגן זענען זייערע כוחות זייער אָפּ-געשוואַכט געוואָרן, אַז זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין טרערן אין די אויגן, אָבער ווי שטילער דאָס געוויין און יאָמעריי איז געוואָרן, איז דאָס אַלצס טרויעריגער געוועזן.

איין מענטש איז געוועזן אויף די שיף וואָס אויף אים האָט זיך גאָרנישט דערקאָנט די טרויריגע לאַגע וואָס זיי האָבן זיך אין איר געפינען, דאָס איז געוועזן אונזער רבי יצחק. איבער דער גאַנצער צייט, ווען אַלע האָבן געהאַלטן אין איין וויינען, האָט ער זיך געזינגען שירות ותשבחות מיט אַ פריילך האַרץ און אַ לוסטיג געמיד. מילא ווער שמועסט ווען עס איז אָנ-געקומען דער הייליגער שבת, דעמאָלט איז דאָך זיין שמחה געוועזן אָן קיין גרענצן, ער האָט געטאַנצן אין די לופטן, און געזונגען גאָר אָנאָ אויפהער.

פרייטיג, דעם צוויי און דרייסיקסטן טאָג, האָט זיך אויס-געלאָזסט דאָס עסן אויף די שיף. די לעצטע סעודה האָט נאָך יעדער בעקומען אַ האַלבן כזית ברויט, דען מער איז שוין נישט געוועזן. דער הימעל איבער דעם „תהום-שטילקייט" איז געוועזן שוואַרץ, און עס האָט זיך ווייטער געבומען פאַלן אַ געדיכטער שניי. דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן וואָס האָט זייער געערט און האַרצן רבי יצחק׳ן, האָט נישט געקענט זיך שטאַרקן און

אליין צו גיין צו אים וועגן דער שרעקליכער זאַך, צו שחטן אַ מענטש, האָט ער צו געשיקט דעם הויפּט פון די מאַטראָזן.

מאַך דיך גרייט צו דער שחיטה!, האָט ער, — דער עלטסטער מאַטראָז — געגעבן אַ געשריי צו רבי יצחק'ן, אַלע שפּייזן אויף דער שיף האָבן זיך אויסגעלאָזסט, דו ברויכסט האָלטן דיין צוזאָג. רעדענדיג אַזוי, גיט ער אַ פייף, דריי מאַטראָזען מיט שאַרפע בליציגע מעסערס און די הענט זענען גלייך צו געקומען, און זיך ארומגעשטעלט אַרום רבי יצחק'ן, זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי ביי הונגעריקע וועלף.

אַוודאַי וועל איך האַלטן מיין וואָרט, און זיך מוסר-נפש זיין פאַר מיין מצווה, האָט רבי יצחק געענפערט. מען האָט געזען ווי זיין פּנים לויכט פון אַ אינערליכע שמחה.

— יעדער טויט פעראורטיילטער, האָט דאָס רעכט עפּעס צו פאַרלאַנגען פאַרן טויט, אַזוי פירט זיך שוין משנים-קדמוניות ביי יעדער אומה ולשון. — האָט רבי יצחק ווייטער געזאָגט.

וואָס פאַרלאַנגסטו?, האָט דער עלטסטער מאַטראָז געפרעגט. דערווייל האָבין די איבריקע מאַטראָזן אָנגעהויבן צו שאַרפן די מעסערס. איך וויל מען זאָל מיך נאָך לאָזן דאָס לעצטע מאָל אין מיין לעבן רוהיג דאַווענען, ווי אַ יהודי, האָט רבי יצחק געזאָגט.

— דאַווען! האָט דער עלטסטער מאַטראָז געענפערט.

רבי יצחק האָט זיך אָן געטאָן די חשובע תפילין, און זיך אַוועק געשטעלט אין אַ ווינקעל פון די שיף מיט דעם פּנים צו די וואַסערן פון דעם „תהום-שטילקייט". רבי יצחק האָט געדאַוונט מיט אַ צובראָכן האַרץ און מיט גרויס התלהבות. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדאַוונט די שמונה-עשרה, און איז אָן געקומען צו דעם שיר-של-יום, און אָנגעהויבן צו זאָגן היום-יום-ששי-בשבת, האָט ער אַ געשריי געטוען אוי היינט

איז ערב שבת, וועל איך דאָך אַריין אין הימעל גראַד אין שבת, איז דאָך דאָס ממש אַ עונג-שבת, און ווי ער זאָגט די ווערטער הייבט ער אָן צו טאַנצן אין די לופטן, ארום אים שטייען די מאַטראָזן און שלייפן די בליציקע מעסערס. רבי יצחק איז געוואָרן מלא שמחה מיט התלהבות פיעל מער ווי ער איז אַמאָל געוועןן אין זיין לעבן, דער גאַנצער עולם האָט אים באַלד בעזינגען מיט זייערע זמירות, וואָס זיי פלעגן אים שטענדיג בעזינגען... טאַנץ! טאַנץ!, נאָך אַ ביסיל וועסטו טאַנצן אין טאָפּ. ער האָט זיך פון זיי אָבער אויסגעלאַכט, וואָס מיינט איר — האָט ער זיי געזאָגט, און זיין פנים האָט געלויכטן פון פרייד, — אַז איך בין דער ערשטער יוד וואָס טאַנצט און זינגט שירות ותשבחות אין טעפּ און אין קאַלך אויוועגס. אַלע מענטשן וואָס זענען געוועןן האַלב צומישט, פון פיעל הונגער, וויינען און קלאָגן האָבן געהאַלטן רבי יצחק׳ן פאַר אַ משוגענעם, און אַ אומבאַרעכענטן מענטש. דען ווי קען זיין אַז אַ מענטש וואָס איז ביי די פולע געוויסן זאָל זיך פרייען אין אַזאַ צייט, ווען ער שטייט פאַר אַזאַ טרויריגן און שרעקליכן טויט.

ו.

איש אחד. איין מענטש איז אָבער געוועןן אויף די שיף וואָס האָט אַגאַנצע צייט יאָ פערשטאַנען, און אָפּגעשאַצט דאָס גרויס-קייט פון רבי יצחק׳ן. דאָס איז געוועןן דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן אַליין, ער איז געוועןן אַן אַלטער יונישער פילאָסאָף, ער האָט געוואוסט וואָס דאָס הייסט „אמונה", דאַריבער האָט ער פערשטאַנען די שטענדיקע שמחה פון רבי יצחק׳ן וואָס שטאַמט פון דער טיפער אמונה. פון דעסטוועגן ווען ער האָט געזען אַז אפילו יעצט, די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, ווען ער זעט שוין אַז זיין שטאַרקע האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן, איז געוועןן אַ

פֿאַלטשע, און אַלצס פֿרייט ער זיך מיט אַזאַ אמת׳ע אינערליכע שמחה, האָט זיך שוין דער קאַפּיטאַן אַליין אויך נישט געקענט איין האַלטן. ער גייט צו צו רבי יצחק און זאָגט אים, ווי קען דאָס זיין אַז די זאָלסט דיך באמת פֿרייען פֿון הארץ, אין דער צייט ווען די אַליין ווייסט אַז דיין גאַנצע האָפֿענונג איז פֿערלוירן וואָרום אפילו עס זאָל שוין קומען אַ ווינט, און וועט שוין אַרויס טראָגן די שיף פֿון דעם „תהום-שטילקייט״, מוז מען דיך אלצס שחט׳ן, דען ביז צו דעם נענצטען אָרט אויף די טריקעניש דויערט דאָך אויך פופצן טעג. יעצט ווי קען דאָס זיין אַז ווייסענדיק אַז אין עטליכע מינוט אָרום וועט דיין קערפער ליגן צושניטען אויף קליינע שטיקלך ווי אַ כזית גרויס, און דיין הארץ זאָל זיין פֿול מיט פֿרייד.

מיין ליבער קאַפּיטאַן — האָט אים רבי יצחק געענפֿערט, מיט גרויס ענווה —, עס זאָל דיר נישט פֿאַרדריסן אַז איך וועל דאָ זאָגן אַפּאָר ווערטער, עס קען זיין צווישן זיי אַזעלכע וואָס זענען נישט אַזוי אַנגענעם צו הערן, נאָר יעצט פֿאַר מיין טויט שפּיר איך אַ חוב אויף מיר צו זאָגן עטליכע ווערטער אַז איר זאָלט נישט אָרום גיין שטענדיק מיט אַ געדאַנק, דאָס עס איז געוועזן עפּעס אַ משוגע יודל וואָס האָט שטענדיק אָרום געטאַנצן, האָט איר אים געשחטן און אויפֿגעגעסן.

מיינע פֿריינד !, — האָט זיך רבי יצחק אָנגערופֿן, ווען ער האָט דערזען אַז אַלע מענטשן האָבן אויף געשטעלט די אויערן צו הערן זיינע ווערטער —. איך מיז אייך זאָגן, אַז איבער דער צייט וואָס מיר געפֿינען זיך אויף די שיף, האָבן אין מיינע אויגן פֿערלוירן זייער ווערט די געלערנטע מענטשן. איך האָב געזען אַז ווען זיי קומען אין אַ צרה זענען זיי פּונקט אַזוי פֿערלוירן ביי זיך ווי דער פּשוטסטער אומגעלערנס-טער מענטש. איך האָב זיך איבער צייגט אַז די גרעסטע

קענטעניס וואָס זיי פערמאָגן אָן קיין אמונה אין גאָט, איז גאָרנישט ווערט. איך וועל יעצט נישט רעדן פון די געלערנטע וואָס געפונען זיך צווישן אונז, און האָבן אויסגע-נאָרט אויף פערשידענע אופנים מער פון אַ כזית ברויט, כאָטש זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט אַז דאָס קען קאָסטן אַ מענטש'נס לעבן, נאָר אַפילו פון דיר, הער קאַפּיטאַן, וואָס די ביזסט יאָ אַ אמת'ער איידעלער מענטש, בין איך אויך שטאַרק ענטוישט געוואָרן זעענדיק ווי פערלוירן די ביזסט אַ גאַנצע צייט, דו וויינסט און קלאָגסט אָנע אויפהער, האָט דאָס דיר עפּעס גע-האָלפן. עס האָט דאָך פיר אייך אַלע צו גענומען דעם לעצטן טראָפּן כוח און לעבן וואָס האָט זיך אין אייך געפינען.

דו קלערסט עפּעס אַז מיר וויינען ווייל מיר האָפן אַז דאָס וועט אונז עפּעס העלפן. האָט דער קאַפּיטאַן געענפערט, ניין, מיר וויינען ווייל מיר קענען זיך נישט איינהאַלטן זעענדיק דעם שרעקליכע אומגליק וואָס מיר געפינען זיך דאַרין, און דאָס פרעג איך טאַקע דיך, ווי איז מעגלך אַז אַ מענטש זאָל אין זיך האָבן אַזאַ שטאַרקען כוח און נישט אַרויס ווייזען זיין ווייטוג וואָס דריקט אים אין האַרץ, און נאָך קענען לאַכן, אין דער זעלבער צייט ווען זיין האַרץ וויינט אין דער פערבאָרגעניש.

— ווען דו וועסט פערשטיין אַ ביסעל וואָס עס ליגט אין אַ האַרץ פון אַ ערליכען יוד — האָט אים רבי יצחק ווייטער געענ-פערט — וועסט דו שוין גלייבן אַז נישט נאָר מיין פנים איז פריילי‍ך, נאָר אויך מיין האַרץ, און נאָך פיל מער ווי דאָס פנים.

די ווערטער וואָס איך וועל אייך יעצט זאָגן האָט אונז — מיר מיט מיינע צוויי ברודער — איבער געגעבן מיין ערלי-כער פאָטער פאַר זיין טויט, און איך גיב זיי אייך איבער

אויך ווען איך האלט אין אזא לאגע, ער האט אזוי געזאגט.

מיינע ליבע קינדער !,

גאר אסאך האב איך דורך געלעבט איבער מיינע עטליכע אכציק יאר, איך ווייס אז פיל אומגליקען גייען א ריבער אויף דעם מענטש ביי זיינע פאר יאר וואס ער האט צו לעבן אויף די וועלט, דאריבער זאג איך אייך אן אז איר זאלט אייך קיינמאל נישט מייאש זיין, קיינמאל זאלט איר נישט טראכטן אז איר זענט פערלוירן, דען אלעס וואס עס געשעט מיט א מענטש אויף די וועלט איז דאס זיין ריכ-טיגס גליק. אסאך מאל צייגט זיך ארויס אז דאס וואס דער מענטש האט געטרכאט אז עס איז זיין שרעקליכסטע אומגליק דאס האט אים גאר געראטעוועט פון טויט. און אסאך מאל ווייזט זיך עס נישט ארויס אבער שטענדיק איז דעם וואס עס געשעט מיט דעם מענטש אויף די וועלט גאר זיין גוטעס. דריבער זאלט איר שטארק גע-ווארענט זיין צו זאגן ביי יעדע צרה „גם זו לטובה״, אבער נישט גאר זאגן מיט דעם מויל, גאר גלייבען אין טיפען הארץ אז אלעס איז צו דעם אמת׳ן גליק פון דעם מענטש פאר זיין גוף און פאר זיין נשמה.

— רבי יצחק האט ווייטער געזאגט, איך בין נאך פיל מיט די האפענונג אז מיר וועלן נאך געראטעוועט ווערן פון דעם שרעקליכן „תהום-שטילקייט״, האטש דער קאפיטאן זאגט אז עס קען נישט זיין, השי״ת האט שוין פיל מאל געוויזן אז זאכן וואס מ׳האט געוואוסט אז זיי קנען נישט זיין, זענען גע-שען אין מיטן טאג. און אפילו דאס מעסער וועט שוין ליגן אויף מיין האלדז און מען וועט שוין אנפאנגען צו שניידען.. וועל איך נאך אלטס האפן אויף גאט׳ס הילף. נאר אבער אפילו אז עס וועט נישט געשען דאס נס, און עס וועט קומען דערצו אז מען וועט מיך יא שחט׳ן, וועל איך געשחטן ווערן מיט א גרויסע פרייד אין מיין הארץ, ווייל איך בין מאמין באמונה שלמה אז

דאָס איז דאָס ריכטיקע גליק פאַר מיין נשמה, וואָס פאַר איר — פאַר די נשמה — איז דאָס גאַנצע לעבן אויף די וועלט. דען ווען נישט צו ליב די נשמה, וואָס פאַראַ ווערט האָט דאָס לעבן, אַפילו אַ מענטש זאָל לעבן טויזנט יאָר, און אַלע יאָרן זאָלן אים זיין גליקליכע אָנע צרות, וואָס האָט ער שוין דערפון נאָך די טויזנט יאָר, ווען ער ליגט אין טונקעלען קבר. די ערשטע מענטשן אויף די וועלט, וואָס זענען געווען אין אָדם הראשונ׳ס צייטן און האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן, וואָס האָבן זיי היינט דערפון ?, איז דאָך נאָר דאָס לעבן פון מענטש די הייליקע נשמה וואָס לעבט אייביק, און אויב זי האָט זיך געפירט אויף די וועלט לויט אונזער הייליקע תורה, וועט זי האָבן אויף יענער וועלט — ווען זי וועט אַהין קומען — אַ גרויסע הנאָה און תענוג וואָס אונז מענטשן אויף די וועלט קאָנען און אונזער געדאַנקען זיך נישט פאַרשטעלן אַזאַ גוטען און זיסען תענוג, דאַריבער וואָס פאַראַ צרה עס זאָל נישט קומען חלילה אויף אַ יוד, איז ער שטענדיג פריילך מיטן גאַנצען האַרץ, ווייל ער ווייסט אויף זיכער אַז דאָס איז געוויס זיין ריכטיגעס גוטעס אויך אויף די וועלט און אויך אויף די אייביקע ליכטיקע וועלט.

איך האָב דאָס אייך נאָר געזאָגט כדי אַז איר זאָלט נישט טראַכטן, אַז דאָס וואָס איך האָב זיך אונטער גענומען צו שטעלן אונטערן מעסער אָנע גורל — צוליב דעם כזית — איז נאָר געווען ווייל איך האָב געהאָפט געראַטעוועט צו ווערן. ניין, נאָר אין דער זעלבער צייט ווען איך האָב זיך אונטער גענומען דערויף האָב איך געוואוסט אַז עס קען אַזוי אויך זיין. און פון דעסט וועגן האָב איך זיך אונטער גענומען, ווייל איך האָב געוואוסט און איך ווייס אַז סיי ווי עס וועט זיין, איז דאָס מיין ריכטיגעס גוטס, און אמת׳ער גליק.

ווי רבי יצחק האָט געענדיקט זיינע ווערטער האָט זיך דער קאַפּיטאַן אויסגעדרייט צו די מענטשן און האָט זיי געזאָגט, גלייבט מיר אַז איך בין אים מקנא פון מיין טיפן האַרץ מיט דער שטאַרקער אמונה וואָס איז אַריין געקריצט אין זיין מוח, און עס טיט מיר שטאַרק ווײ אַז אַזאַ הייליגן גאָט׳ס גלייבער ברויך איך בעפעלן אומצוברענגן, און נאָך דערצו אויף אַזאַ אַכזריות׳דיקן אויפן. אויך די אַנדערע מענטשן פון די שיף האָט אָנגעהויבן צו קלעמען ביים האַרץ, ווען זיי האָבן דערזען מיט וויפיל רבי יצחק איז אַ העכערער סאָרט מענטש פון זיי אַלע. עס האָט זיי שטאַרק באַנק געטאָן וואָס זיי האָבן אים אַזוי פיל צער אָנגעטון, און פון אים געשפּעט אַ גאַנצע צייט.

רבי יצחק ענדיקט דאָס דאַוונען און תהילים זאָגן, ער טוט אויס די תפילין, גיט זיי אַ קוש מיט אַ טרער אין די אויגן לויט ווי עס קוקט אויס ווערט ער שוין מער אין זיי נישט דאַווענען, ער גיט זיי אַ וועק פאַר איינעם פון די יודן. דאַן האָט ער זיך געזעגנט פון דעם גאַנצן עולם, אַלע ווייגען מיט אַ האַרץ-רייסענדיקע שטימע, זיי שפּירן אַז אַן רבי יצחק׳ן וועלן זיי שטאַרבן אין אַ קורצע צייט פון פּיין, ווייל כאָטש עס איז זיי נישט געווען אַזוי אָנגענעם זיין שמחה און זיין זינגען וואָס ער האָט אַ גאַנצע צייט מיט זיין התלהבות ארום גטאַנצט, אָבער פאַרט האָט עס פון זיי צו גענומען אַ גרויסן חלק פון דעם שרעקליכן טרויער וואָס עסט זיי דאָס האַרץ, יעצט בלייבן זיי נאָר מיט פּער מרה-שחורה׳דיגטע מענטשן.

נאָכדעם וואָס רבי יצחק האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלע-מען, האָט ער צו זיי געזאָגט, איך בין אייך מוחל מיט׳ן גאַנצן האַרץ וועגן דער שרעקליכער זאַך וואָס איר מוזסט יעצט מיר טאָן, מיר טיט איר קיין שלעכטס דערמיט, דען איך ענדיק היינט מיין אַרבייט וואָס איז בעשטימט געווען מיר צו

טוען אויף דער וועלט, און קום מיר צו דעם ריכטיגן ציל פון מענטשנס לעבן, אויף יענער וועלט. אָבער איר ברויכט דאָך מיט אייערע הענט פערגיסן אַ מענטשנס בלוט, די שרעק-ליכסטע און אַכזריות'דיגסטע זאַך וואָס איז פאַרהאַנען אויף די וועלט, דאַריבער בעט איך פון אייך און זאָג אייך אָן מיין לעצטע פערלאַנג, אַז איר זאָלט מיר צו שווערן, דאָס אויב איר וועט פון דאָ לעבעדיק אַרויס, זאָל יעדער איינער פון אייך נאָכגיין און נאָך זוכן, וואו מ'וויל הרגענען אַ יוד, און אים ראַטעווען פון טויט. מיט אַ וויינענדיקע שטימע און אַ ציטערדיק קול האָבן אַלע צו געשוואָרן פאַר רבי יצחק'ן ווי ער האָט פערלאַנגט.

דערווייל האָבין די מאַטראָזן געענדיקט צו שאַרפן די מעסערס, און רבי יצחק נעמט זיך מיט גרויס התלהבות זאָגן ווידוי, צוויי מאַטראָזן האַלטן אַ קייט אין די הענט און וואַרטן אַז ער זאָל שוין ענדיגן די ווידוי.

עס איז שוין פרייטיג מיטאָג צייט, דער וועטער איז אַ שטילער און אַ רוהיגער, פאַר די אויגן זעט מען נישט נאָר טונקעלע וואָלקענס און וואַסער. פון די שוואַרצע וואָלקענס וואָס פאַרדעקן דעם הימעל ציען זיך ווייסע שנירלעך שניי, און פאַלן אַריין און דעם „תהום-שטילקייט". דער גאַנצער עולם שטייט אויף די פוס, און קוקט זיך צו צו די שרעקליכע זאַך ווי מ'וועט שחטן אַ מענטש, זיי פילן ביי זיך ווי די וועלט האַלט ביים אונטער גיין, ביי אַלע זעצט דאס האַרץ אַזוי ווי ביי אַ גזלן, און פון די אויגן גיסט זיך זיי טייכן טרערן.

ז.

בכּתע פּתאום. פלוצלונג, פאַלט דער גאַנצער עולם אַראָפּ כמעט פערחלשט, אַ שרעקליכער דונער האָט אַריין געקלאַפּט אין

די שיף, אַלע זענען געווען זיכער אַז די שיף איז אין צווייען צוש-פּאַלטענט געוואָרן, דער שטילער און רוהיגער וועטער איז געוואָ-רן אַ רווישיגער און אַ שטורעמדיגער, די שרעקליכע דונערן און די שאַרפע בליצען האָבן געיאָגט איינער דעם צווייטן, דער „תהום-שטילקייט״ איז געוואָרן אַ „תהום-שרייעדיקייט״, די וואַלן האָבן זיך געהויבן ביז אין הימעל, און האָבן זיך אַראָפּ געלאָזט ביז אונטער דעם תהום, זיי האָבן אָנעם געטאָן די שיף אויף זייערע שוימיקע רוקענס, און זי ארויס געטראָגן פאָן דעם „תהום-שטילקייט״, אַזוי ווי מען טראָגט אַ קינד אין וויגעל, די שיף איז געפלויגן מער אין די לופטן ווי אויף דעם ים. די הונגעריקע פערשוואַכטע מענטשן, האָבן אַלע געחלעשט פון דעם שרעקליכן שאָקלען און וואַרפן וואָס די וואַלן האָבן געטרייסילט די שיף, רבי יצחק וואָס איז נישט געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט ווי די איבריקע מענטשן איז געבליבן וואַך.

אַ פּאָר שעה איז די שיף אַזוי געפאָרן און געפלויגן, און דער ים האָט גערוישט און געשטורעמט, די דונערן האָבן דערצוטערט די ערד און די בליצן פאַרבלענד די אויגן דאָס האָט אַזוי געדוירט ביז פּאָר נאָכט.

פאַר נאָכט איז דער ים רוהיג געוואָרן, אָבער פון אַלע מענטשן איז נאָר איין רבי יצחק וואָס איז וואַך, דער גאַנצער עולם איז געלעגן ווי טויטע מענטשן, רבי יצחק גייט ארויף אויף דעם זעגל בוים דאָרט ווי דאָס פלאַץ פון דעם שיפ-קאַפּיטאַן איז, ער האָט גיקלערט אפשר וועט ער וויסן ווי זוי צו פירן די שיף, אָבער ער האָט גאָרנישט פערשטאַנען דערצו. נאָר דאָרט האָט ער באַמערקט פון דער ווייטנס אַ צווייטע שיף, די שיף איז אָבער זייער ווייט געווען, לויפט רבי יצחק שנעל אַראָפּ צו דעם שיף-קאַפּיטאַן אים צו דערמינטערן, ער

זאָל קומען און ווינקען פאַר דער צווייטער שיף אַז זיי געפינען זיך אין אַ סכנה וועט זי געוויס קומען זיי העלפן. אָבער דער שיפ'ס-קאַפּיטאַן רירט זיך נישט פון אָרט, דאָ ווידער האָט רבי יצחק זיך געפאַרכטן אַז ביז ווען ער וועט דער-מינטערן דעם שיפ'ס-קאַפּיטאַן וועט זיך האָבן יענע שיף אַזוי פיעל דער ווייטערט אַז זיי וועלן זי שוין נישט זען.

רבי יצחק נעמט זיך טראַכטן וואָס פאַר אַ עצה ער זאָל זיך געבן יעדע מינוט טראַכטן איז צו פיל. אויף איינמאָל דערמאָנט ער זיך ער האָט דאָך מיט זיך מיט גענומען אַ שופר, אַז אויב ער וועט זיין ראש-השנה אינטער וועגינס צווישן גוים זאָל ער האָבן מיט וואָס שופר צו בלאָזן, ער לויפט גלייך צו, צו זיין בלעכן קעסטל, ווי זיינע זאַכן זענען געלעגן, און נעמט אַרויס דעם גרויסן שופר, וואָס איז געווען געמאַכט פון אַ שעפּס פון לאַנד כוזר, ער לויפט אַרויף אויף דעם טאָרעם וואָס איז ביי דעם זעגל בוים, און נעמט זיך שאַלן און בלאָזן מיט זיינע לעצטע כוחות. ווי דער שיפ'ס-קאַפּיטאַן פון די צווייטע שיף האָט דערהערט די קולות פון דעם שופר, האָט ער געקוקט פון זיין טאָרעם נאָך דער ריכטונג פון ווי דאָס קול קומט, ווי ער קוקט אזוי זעט ער אריין אז עפּעס אַ מענטש וואָס גייט נישט אָנגעטאָן מיט קליידער פון אַ שיפ'ס-קאַפּיטאַן שטייט אויף דעם טורעם פון דער שיף און שאַלט, ער האָט גלייך פערשטאַנען אַז עפּעס אַ אומגליק האָט פּאַסירט מיט דעם שיף קאַפּיטאַן פון דער שיף, דען נאָך די געזעצן פון די שיפען טאָר מען נישט לאָזן אַליין אַ פרעמדן מענטש אין דעם טאָרעם פון די שיף. ער האָט גלייך אויסגעדרייט די זעגלביימער פון זיין שיף צו די ריכטונג פון די צווייטע שיף ווי רבי יצחק איז געשטאַנען אין שופר געבלאָזן מיט די זעלבע כוונות וואָס ער האָט געהאַט ראש-השנה ביי שופר בלאָזן.

ווען די צווייטע שיף איז אָנגעקומען האָט דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן אַראָפּ געשיקט אין אַ קליין שיפעל צוויי מאַטראָזן אַז זיי זאָלן געוואָר ווערן וואָס עס טיט זיך אין דער שיף. נאָך ווען די מאַטראָזן זענען געווען אויף זייער שיפעל האָט זיי ר׳ יצחק פּונקטליך אַלעס ערקלערט וואָס עס האָט זיך מיט זיי פּאַסירט, און אַז אַלע מענטשן אין די שיף זענען פערחלעשט פון הונגער, ער האָט זיי געזאָגט אַז זיי זאָלן בעטן פון זייער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן עפּעס עסענוואַרג דען אויב נישט ווען אַלע שטאַרבן פון הונגער. די צוויי מאַטראָזן זענען טאַקע גלייך צוריק געפאָרן צו זייער שיף, עס גייט נישט דורך אַ קורצע צייט קומען זיי צוריק מיט... אַ גרויסע קייט. אָן קיין שום עסען. זיי זאָגן פיר רבי יצחק אַז דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן האָט געזאָגט אַז אַזוי ווי די מענטשן זענען פערחאַלעשט פון הונגער וועט דאָך נעמען פיעל צייט ביז מען וועט זיי דערמינטערן, איז בעסער אַז די שיף זאָל צו פאָרן אין די האַפן שטאָט, וואָס געפינט זיך פון דאָ אַ פערטיל שעה וועג, ווי זיי זאָגן אַזוי, נעמען זיי די גרויסע דיקע אייזערנע קייט, און בינדן אָן איין עק אין די שיף, און מיט דעם צווייטן עק פאָרן זיי צו צו די צווייטע שיף, און בינדן עס דאָרט אָן. עס האָט נישט געדויערט קיין פערטיל שעה איז די שיף געווען ביים באָרטן פאָן די האָפּטשטאָט פון מדינת-ישמעאל.

ווי זיי זענען אָנגעקומען אין די האָפּשטאָט איז רבי יצחק דאָס ערשטע געגאַנגען זיכן אַ דאָקטער וואָס זאָל דערמינטערן די מענטשן פון די שיף, דאָן ווען ער האָט שוין צו געשיקט דעם דאָקטער איז ער געגאַנגען זוכן אַ שול מקבל-שבת זיין.

מער פון האַלבע שעה האָט ער זיך נעבך געשלעפּט טויט הונגעריק ביז ער איז צו געקומען צו אַ שול, דער עולם האָט שוין געהאַלטן אין מיטן דאַווענען ווען ער איז אריינגעקומען,

דאַריבער האָט אים קיינער קיין שלום געגעבן. רבי יצחק איז צו געגאַנגען צו אַ ווינקל פון די שול אין האָט זיך דאָרט אַ וועקגעשטעלט דאַווענען. ער האָט געדאַווינט מיט גרויס התלהבות און שמחה אזוי ווי זיין געוואוינהייט פלעג זיין —. ער האָט אָפּגעגעבן שבח והודיה פאַר השי״ת וועגן זיינע גרויסע ניסים ונפלאות וואָס ער האָט מיט אים און מיט אַלע מענטשן פון שיף געטאָן דעם היינטיגן טאָג. די מענטשן פון שול האָבן דערפילט אַז זיי האָבן בעקומען אויף דעם היינטיגן שבת אַ חשובן איידעלעם אורח.

נאָכן דאַווענען זענען אלע מענטשן פון שול צו געקומען צו רבי יצחק׳ן שלום נעמען. צענדליגע מענטשן האָבן אים געבעטען צו זיך אויף שבת. פאַר יעדן איינעם האָט ער געזאָגט אז ער נעמט זייער גערן אָן זיין איינלײַדנונג, אַזוי זענען געבליבן אין שול עטליכע דרייסיג מענטשן, אַלע האָבן גע־וואַרט אַז רבי יצחק זאָל ענדיגן שלום געבן דעם עולם אוז ער זאָל קומען צו אים אויף שבת, דען ער האָט דאָך יעדן געזאָגט אַז ער נעמט אָן זיין איינלײַדנונג, ווען אַלע מענטשן פון שול האָבן שוין געענדיקט שלום נעמען, זענען צוגעגאַנגען די עטליכע דרייסיק מענטשן אים בעטן אַז ער זאָל שוין קומען, ווי זיי האָבן דערזען אַז זיי זענען אַזוי פיל, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרום צו טענ׳ען איינער מיטן צווייטן, יעדער איינער האָט געזאָגט פאַר אַלע, איר וואַרט אומזיסט, דער חשובער אורח האָט דאָך אָנגענומען מיין איינלײַדנונג, וועט ער געוויס נישט ענדערען זיינע ווערטער. ביז רבי יצחק אַליין האָט זיך אָנגערופן, — מיינע חשובע ברודער, איר זענט אַלע גע־רעכט, — אַלעמענס איינלײַדנונג האָב איך אָנגענומען, נאַר אויב איר ווילט מיר באמת מהנה זיין זאָל יעדער איינער צו ברענגען אַ הער אין שול אַריין וואָס אַ יעדער איינער וויל מיר געבן

צו עסן.

די מענטשן פון שטאָט האָבן נישט געפרעגט קיין שאלות, צו וואָס בראָך רבי יצחק אַזוי פיעל עסנוואַרג, נאָר אַלע זענען שנעל אַ היים און יעדער איינער האָט געברענגט אַ גרויסע שבת-סעודה אין שול, קלערענדיג אויף געוויס וועט דער חשובער אורח עסן פון זיין סעודה, יעדער איינער האָט פערשטאַנען אַז דער וואָס וועט ברענגען דאָס ערשטע די סעודה אין שול, פון זיין סעודה וועט רבי יצחק עסן, דאַריבער האָבן זיך אַלע צוגעאיילט, און אין אַ קורצע צייט זענען שוין אַלע געווען אין שול מיט זייערע סעודות.

רבי יצחק האָט קידוש געמאַכט, אָבער נישט ווי זיין געוואוינהייט, נאָר גאָר שנעל, און האָט זיך געוואַשן ער האָט אויסגעמישט אַלע חלות דאָס דער עולם זאָל נישט דערקאַנען אויף וועמעס חלה ער מאַכט די מוציא, און אונטער דעם חלה-טישטאַכל האָט ער אַנגעהויבן אַ חלה, ער האָט געגעסן עטליכע כזיתים חלה און גלייך געבענטשט, דער עולם האָט נישט פערשטאַנען וואָס דאָס איז. רבי יצחק האָט זיי אָבער גלייך ערקלערט, ער האָט זיי געזאָגט, אין אמת אַריין וואָלט איך נישט געברויכט בכלל דאָ קידוש מאַכן, דען אין האַפן פון שטאָט געפינט זיך אַ שיף מיט מענטשן צווישן זיי עטליכע אידן וואָס גייען אויס כמעט פון הונגער, נאָר אַזוי ווי איך האָב היינט גאַרניש געגעסן, און דער דין איז דאָך אַז שבת טאָר מען נישט פאַסטן, האָב איך עפּעס טועם געווען כדי איך זאָל אויפאַסטן, אָבער יעצט טאָר מען נישט וואַרטן קיין איין מינוט, נאָר גלייך נעמען דאָס גאַנצע עסענוואַרג און צו ברענגען צו די שיף. ער האָט קודם געפרעגט אויב עס איז דאָ איין עירוב ביז צו דעם האַפן און מען מעג טראָגן, ווען די מענטשן האָבן אים געזאָגט אַז עס איז דאָ, האָט ער זיך

געגומען מיטן גאַנצן עולם גיין צו דעם האַפן.

ווען זיי זענען אָנגעקומען צו די שיף איז שוין געווען דער גאַנצער עולם דערמינטערט. ווער קען זיך פאַרשטעלן די גרויסע פרייד וואָס עס האָט זיך געטאָן אויף די שיף ווען רבי יצחק און די מענטשן פון שטאָט זענען אָנגעקומען מיט די געשמאַקע פיינע וואַרעמע שבת מאַכלים.

דער עולם וואָס איז מיט געקומען מיט רבי יצחק'ן זענען געגאַנגען אנגעטוען שיינע שבת בגדים. די מענטשין פון די שיף וואָס דער דאָקטער האָט זיי יעצט דערמינטערט האָבן נאָך נישט געוואָסט ווי זיי געפינען זיך, דען זיי זענען פער חלשט געוואָרן טראַכטענדיק אַז זיי שטאַרבן פון הונגער אין דעם „תהום-שטילקייט”. יעצט אַז זיי האָבן דערזען רבי יצחק'ן מיט דעם שבת'דיגן עולם, און זיי האָבן דערפילט די געשמאַקע מאַכלים, זענען זיי געווען זיכער אַז רבי יצחק האָט געברענגט פון גן-עדן מלאָכים מיט מאַכלים. רבי יצחק האָט געגעבן פאַר איין איד — איינער פון דיזע וועלכע האָבן נאָך מיט אַ טאָג פריער געשפּעט פון אים — קידוש צו מאַכן. דאַן האָט רבי יצחק שטאַרק געדאַנקט פאַר די אידן וואָס האָבן אים געגעבן און געברענגט דאָס עסן, און האָט זיי געבעטן אַז זיי זאָלן אַ היים גיין דען זייער בני-בית וואַרט דאָך אויף זיי. ווען זיי זענען אַ היים האָט רבי יצחק געהייסן טיש דעקן. ער האָט זיך נאַכאַמאָל געוואַשן און זיך געזעצט עסן מיט דעם גאַנצן עולם. יעצט האָבן זיי אַלע געפילט אַפילו די גוים וואָס זענען דאָרט געווען — וואָס די הייליגע גמרא זאָגט, אַז אין דעם שבת פילט מען אַ שטיקעל טעם פון עולם-הבא, ווער עס האָט מיט זיינע אויגן נישט געזען דעם שבת וואָס רבי יצחק האָט דאָרט צוגעפירט, און ווי זוי ער האָט אַלע ערקלערט די ניסים וואָס דער גרויסער גאָט האָט

געטאָן, און ווער עס האָט נישט געזען די פייערדיגע פרייד וואָס רבי יצחק האָט אין אַלע איינגעפלאַנצט, דער איז דאָס נישט אומשטאַנד צו פערשטיין. שפעט שפעט אין די נאַכט האָט רבי יצחק געענדיגט די סעודה, געבענטשט געליינט קריאת-שמע און זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ פריילך הארץ פונק ווי אַ שבת פריער ווען זיי זענען געווען אין דעם שרעקליכן געפאַר.

שבת ביי טאָג האָט רבי יצחק ווייטער געדאַווינט אין די זעלבע שול, ער האָט בעקומען איין עליה ביי די תורה, מיט אַ ריכטיקע לויב און דאַנק פאַר השי"ת האָט ער „גומל" געבענטשט, נאָכן דאַווענען האָבן די מענטשן פון שול געברענגט פיעל בראָפן מיט קיכען און מען האָט געמאַכט אַ גרויסן קידוש אין שול, לכבוד דעם חשובן גאַסט. נאָכן קידוש האָבן שוין די מענטשן אַליין געהאַט געברענקט דאָס עסן און שול, און מיט גרויס כבוד און געזאַנג בעגלייט רבי יצחק'ן צו די שיף. רבי יצחק האָט אָפגעפירט מיט גרויס שמחה אין התלהבות די שבת מיטאָג סעודה, וואָס ביי אים איז דאָס שוין געווען שלוש-סעודות, דען ביי נאַכט האָט ער דאָך זיך געהאַט צוויי מאָל געוואַשן.

ווען עס איז געקומען די צייט פון שלש-סעודות האָט ער געזאָגט כאָטש איך האָב דאָך שוין מקיים געווען דעם שבת דריי סעודות, פון דעסטוועגן עס איז דאָך דאָ אין די גמרא רבי חידקיאָ וואָס זאָגט אַז שבת ברויך מען מאַכן פיער סעודות, דעם היינטיגן שבת לכבוד דעם גרויסן נס וואָס איז געשען וועל איך מקיים זיין ווי אַלע שיטות, און איך וועל מאַכן פיער סעודות, און יעדעס יאָר דעם שבת וואָס וועט געפאַלן אין די דריי טעג וואָס איז געשען דאָס נס, וועל איך בלי נדר מאַכן פיער סעודות, אַ זכר צו דעם גרויסן נס וואָס איז אינץ

געשען. רבי יצחק האָט זיך געוואַשן און ביז שפּעט אין די נאַכט האָט געדויערט דער שלוש-סעודות, די מענטשן האָבן געטרונקען מיט דאָרשט יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון רבי יצחק'ס מויל.

זונטיג אין דער פרי נעמט רבי יצחק צוזאַם אַלע מענטשן און זאָגט זיי, מיט צוויי טאָג פריער האָב איך זיך געזעגנט פון אייך, איך האָב אייך געזאָגט אַז איך בין אייך מוחל וועגן דער שרעקליכער זאַך וואָס איר וועט טוען, יעצט זאָג איך אייך, איך בין אייך מוחל מיטן גאַנצן האַרץ פאַר דעה אַכזריות'דיגער זאַך וואָס איר האָט געטראַכט צו טוען, נאָר די שבועה וואָס איר האָט מיר צוגעשוואָרן, אַז יעדער איינער פון אייך וועט נאָכזוכן צו ראַטעווען אַ יוד פון טויט, איז נישט בטול געוואָרן.

די מענטשן פון די שיף זענען אים געפאַלן צו די פיס, אין זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל זיי מוחל זיין פאַר וואָס זיי האָבן פין אים אַזוי פיעל געשפּעט אַ גאַנצע צייט, יעצט זעען זיי שוין ווי ריכטיג זיין וועג איז. ער האָט זיי געענפערט אפשר זיי בראָכן בעטן פון גאָט ער זאָל זיי מוחל זיין, דען זיי האָבן געהאַט שלעכטע געדאַנקען, זיי האָבן געוואָלט שפּעטן פון אים, אָבער באמת האָבן זיי גארנישט געשפּעט, ער האָט דאָס קיין איינמאָל נישט געפילט. ווען רבי יצחק האָט שוין געוואָלט אַ וועק פון זיי, גייט צו צו אים דער שיפ'ס-קאַפּיטאַן מיט די הונדערט טויזינט גאָלדענע דאָקאַטען, און זאָגט אים, מיר וואָלטן דיר געברויכט אַ וועק געבן אונזער גאַנץ פאַרמעגן, דען די ביסט דאָך אונזער רעטער, מיר זענען דאָך אָבער זיכער דאָס אונזער געלט וועסטו געוויס נישט נעמען, דאַריבער גיבען מיר דיר נאָר צוריק דיין געלט וואָס מיר האָבן געוואָלט מיט אַ אומרעכט אומזיסט פון דיר צו נעמען.

רבי יצחק האָט אים געענפערט, עס איז טאַקע ריכטיג אַז די מענטשן פון די שיף ברויכן זיך ענדערן צו גוטן זייערע נאַטורן, דען אויב מען בעט אַ טובה פון אַ מענטש, ברויך מען נישט זוכען וועגן איר אויס צו ניצען דעם צווייטן. נאָר אַזוי ווי איך האָב דאָך מיט דעם געלט געקויפט די מצווה, וועל איך דאָס בשום אופן נישט נעמען. דער אַלטער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן האָט זיך גענומען מיט אַ הויך קול וויינען פאַר רבי יצחק׳ן ער זאָל דאָס צו נעמען, האָט אים רבי יצחק געזאָגט ביי מיר איז דאָס ווי צדקה געלט, אויב דו ווילסט דאָס באמת צוריק געבן, גיי אַריין אין די שטאָט, צו דער שול וואָס דאָרט געפונען זיך די אידן וועלכע האָבן אונז דאָס ערשטע עסן געגעבן ביי אונזער טויט הונגער, און זאָג זיי אַז זיי זאָלן בויען אַ גרויסע ישיבה פאַר דעם געלט. רבי יצחק האָט זיך געזעגינט אַלע האָבן געוויינט פון ליבשאַפט צו אים.

דער סוף איז געווען, דער שיפס-קאַפּיטאַן מיט פיעל גוים פון די שיף האָבן זיך מגייר געווען, דער שיפ׳ס-קאַפּיטאַן האָט אויף די עלטער געפירט די לייטונג פון דער גרויסער ישיבה וואָס מען האָט אויפגעבויעט פון דער גרויסער סומע געלט. אויך די אַנדערע גוים וואָס האָבן זיך נישט מגייר געווען זענען געבליבן אייביגע אוהבי-ישראל, אין האָבן געטון גוט׳ס פאַר יודן און האָבן זיך שטענדיק אָנגענומען וועגן דעם יודישן פאָלק.

ח.

ויבא בקרית חוצות. רבי יצחק איז אריינגעגאַנגען אין דער קעניגליכער שטאָט. דריי טאָג האָט ער זיך ארומגעדרייט אַ הונגעריקער אין אירע גאַסן און מאַרקן, ער האָט געזוכט אפשר וועט זיך אים צו טרעפן עפּעס צו פערדינען, ער זאָל האָבן

מיט וואָס זיין לעבן צו דערהאַלטן. דען יעצט איז ער דאָך געווען אַ עני ואביון אָן אַ פרוטה ביי די נשמה. אויפן דריטן טאָג ווען די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און האָט אים געטרוקענט דעם אויסגעהונגערטן קאָפּ, איז ער צו געקומען צו אַ גרויסן און שיינעם פּאַלאַץ. די שוינקייט פון דעם פּאַלאַץ האָט צו געצויגן רבי יצחק'ס אויגן צו זיך. רבי יצחק האָט אים בעטראַכט פון אַלע זייטן און זיך געוואונדערט אויף דער קונצליכער אַרבייט וואָס ליגט אין אים. בעטראַכטנדיק די שיינע חיות וואָס זענען געווען אויסגעהאַקט אויף די ווענט פון דעם פּאַלאַץ און האָבן אויסגעזען פונקט ווי גלייך זיי וואָלטן געהאַט און זיך לעבן, האָט ער באַמערקט אַז העכער יעדע חיה איז איינגעקריצט מיט יודישע אותיות פערשידענע אויפשריפטן העכער דעם שיינעם לייב וואָס איז געווען אין מיטן פון אַלע חיות איז געשטאַנען די ווערטער פון די משנה „גבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים” דאָס הייסט „זאָלסט זיין שטאַרק ווי אַ לייב צו טוען דעם ווילן פון טאַטן אין הימל”, אַ זעלכע אויפשריפטן מיט יודישע אותיות איז אויך געווען העכער די אַנדערע חיות. ער האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט דערויף דען דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט געזען אין מדינת ישמעאל יודישע אותיות איינגעקריצט אין הייזער. ער זיכט אויף דעם טויער פון דעם פּאַלאַץ, זעט ער העכער דעם טויער שטייט אַ גרויסע שילד און מיט גרויסע גלאַנציגע אותיות איז אויפגעשריבן אויף דער ישמעאלישער שפראַך אַ פירמע פון אַ וועלט בארימטע באַנק, וואָס פון איר נאָמען האָטער שוין אַ לאַנגע צייט געהערט. העכער די שילד איז געשטאַנען מיט קליינע יודישע אותיות אויף טייער קופער, אויסגעקריצט דער פאָלגענדער נאָמען:

רבי נתנאל ברבי משה עמנואל זכרונו לברכה.

ווי רבי יצחק שטייט אַזוי און וואונדערט זיך אויף דער יודישער אויפשריפט און אויף דעם קונצליכן פּאַלאַץ הערט ער פון העכסטן שטאָק פון דעם פּאַלאַץ שרייען „רבי יצחק דער זון פון רבי ברכיה החסיד פון לאַנד כוזר" ער הייבט אויף זיינע אויגן צו דעם שטאָק, זעט ער אַז אויוון שטייט ביים פענסטער אַ גרוי אַלטער מאַן, מיט אַ הויכע סאַמעטענע יאַרמילקע, און ווינקט אים מיטן פינגער אַז ער זאָל ארויף קומען, רבי יצחק גייט גלייך אַריין אין פּאַלאַץ, ארויף צו גיין צו דעם אַלטן מאַן וואָס האָט אים גערופן. ארויפגייענדיג טראַכט זיך איבער רבי יצחק, פון וואו ווייסט דער אַלטער מאַן מיין נאָמען און מיין פאָטערס נאָמען, איבער הויפּט האָט ער זיך געוואונדערט אַז ער ווייסט אויך דאָס ער איז פון לאַנד כוזר, דאָס האָט רבי יצחק קיינעם נישט געהאָט פערציילט. ער האָט אָבער נישט צייט געהאָט פיעל צו טראַכטן, דען עס איז אים גלייך אַ קעגן געקומען אַ באַדינער, וואָס האָט אים זייער שיין באַגריסט, און אים צו געפירט צו אַ שיינעם צימער וואָס דאָרט איז געזעסן אויף אַ טייערע שטיל דער אַלטער מאַן וואָס האָט אים אַרויף גערופן, ער איז געווען אַנגעקליידעט מיט זייער שיינע און טייערע קליידער, און פון זיינע אויגן האָט אַרויס געשיינט טיפע חכמה.

ווי רבי יצחק איז צו געקומען צו דעם אַלטן מאַן, האָט ער אים געפרעגט צו ער הייסט יצחק ברבי ברכיה, און צו ער איז טאַקע פון לאַנד כוזר, און אויב ער האָט אַ עלטערן ברודער וואָס הייסט אברהם, און אַ יונגערן ברודער וואָס הייסט יעקב. ווי רבי יצחק האָט אים אויף אַלע זיינע פראַגעס געענ-פערט יאָ האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, און האָט געזאָגט, יעצט בין איך שוין זיכער אַז גאָט האָט געהערט מיין געבעט און האָט מיר צו געשיקט די ריכטיקע הילף, וואָס איך בעט שוין

אויף איר מער פון צען יאָר.

דער אַלטער רבי נתנאל פּערצייילט פיר רבי יצחק פון זיין גרויס עשירות וואָס גאָט האָט אים געבענטשט. איבער די גאַנצע וועלט זענען צושפּרייט זיינע בענק מיט פאַבריקן. נאָר אָבער דעם עיקר גליק וואָס אַ מענטש שטרעבט דערויף האָט ער נישט, זיין גאַנץ לעבן האָט ער קיין קינד געהאַט.

מיט צען יאָר צוריק ווען די עלטער האָט שוין אָנגעהויבן צו שיקען אירע צייכענס, האָב איך זיך באַרעכנט, אַז איך האָב שוין גענוג געדינט די וועלט, איך ברויך שוין אָנהייבן צו טראַכטן וועגן מיין אייביקע וואוינונג. עס האָט זיך מיר געגומען צו פערבענקען נאָך די זיסע בעטאָמטע יאָרן ווען איך בין נאָך געזעסן אין די ישיבה. אין געלערנט מיט אַ טיפן פערשטאַנד די הייליגע גמרא. דאַריבער האָב איך געזוכט אַ ערליכן מענטש וואָס זאָל פירן די געשעפטן. אָבער שוין מער פון צען יאָר וואָס איך זוך אַן ערליכען מאַן אויף וועמען איך זאָל קענען געטרויען אַלע געשעפטן, איך זוך און זוך אָבע איך געפין נישט, דען דאָ זענען אַלע מענטשן שיכורים מיט אויסברענג-ערס. איך האָב געבעטן השי״ת פון טיפן האַרץ אַז ער זאָל מיר נאָך משלים זיין מיין גרויס עושירות מיט דעם וואָס ער וועט מיר צו שיקען איין ערליכן מאַן וואָס זאָל פירן די געשעפטן, און שוין צען יאָר וואָס איך האַלט אין איין בעטן דערויף.

מיט דריי טאָג פריער האָט זיך מיר געחלומט אַז אין דריי טאָג אַרום וועט דאָ זיך אָפּשטעלן אַ יונגער מאַן, מיט'ן נאָמן רבי יצחק ברבי ברכיה פון לאַנד כוזר, און וועט בעטראַכטן דאָס הויז, דער איז דער ריכטיגער ערליכער מאַן וואָס די זוכסט שוין אַזוי פיעל יאָר, איך וועק מיך אויף מיט אַ גרויסע פרייד, איך וואַרט אַז די צייט זאָל שוין אַריבער גיין, די צווייטע נאַכט האָט זיך מיר ווידער געחלומט די זעלבע

זאַך, נאָר מען האָט מיר נאָך געזאָגט אַז דיין עלטערער ברודער הייסט אברהם, די פריריגע נאַכט, האָט זיך מיר ווייטער געחלומט די זעלבע זאַך, און אַז דיין יונגערע ברודער הייסט יעקב.

יעצט מיין ליב קינד, אזוי ווי איך גע אז דו ביסט דער ריכטיגער שליח וואָס גאָט האָט מיר צו געשיקט, זאָלסט דו זיין געזעצט איבער מיין גאַנץ פאַרמעגן, איבער אַלעם האָסט דו צו באַפעלן, איך וויל מער פון גאָרנישט וויסן, אַ חוץ דאָס עסן פאָר מיר מיט מיין פרוי, און אַ שטיב ווי איך וועל זיצן און לערנען, און פאַרברענגען די לעצטע יאָרן פון מיין לעבן, איך וויל כאָטש אויף די עלטער פאַרעכטן וואָס די יונגע יאָרן האָבן פאַרדאָרבן, דען די יוגענד מאַכט פאַרגעסן וואָס עס איז דער סוף פון דעם מענטשן, עס דאַכט זיך אויס אַז מען וועט שטענדיג זיין פריש און געזונט. אָבער יעצט ווען איך שטיי שוין אויף די שוועל פון מיין קבר, שטעלט זיך פאָר פאַר מיינע אויגן די טיער פון דעם שרעקליכן גיהנום, וויל איך אַז איך זאָל כאָטש יעצט קענען דינען גאָט אָנע שטערונגען.

ווי רבי יצחק האָט געהערט די ווערטער מיט דעם חלום פון דעם אַלטן מאַן האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, זעענדיג אַז ער איז געגאַנגען אין ריכטיגן וועג, און השי״ת האָט אים אַזוי שנעל געהאָלפן. מיט אַ שעה צוריק האָט ער זיך געדרייט אין גאַס און האָט נישט געהאַט מ״ט וואָס זיין לעבן צו דער האַלטן, און יעצט איז ער אַ געוועלטיגער איבער אַ פאַרמעגן וואָס ווייניג עושרים אויף די וועלט פערמאָגן דאָס. דער אַלטער רבי נתנאל האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל פאַר איין באַדינער, און ער האָט אריין געברענגט זייער טייערע זיידענע קליידער, און טיט אָן רבי יצחק׳ן אַזוי ווי איינער פון די גרויסע הערן. דאַן לאָזסט רבי נתנאל צו זאַמען רופן אַלע זיינע משרתים און

איינגעשטעלט, ווער עס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ אַרבייט ביי רבי נתנאל׳ס געשעפטן וואָס האָבן זיך געפונען אין מדינת ישמעאל הבן געמוזט קומען — די איינגעשטעלטע וואָס האָבן זיך געפונען אַרויס פון די מדינה׳ס גרענעצן האָט מען נישט גערופן, נאָר מען האָט זיי צו געשיקט אַ געשריבענעם באַפעל פון רבי נתנאל — ווען אַלע מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט ביי רבי נתנאל — עלטיכע הונדערט מאַן — זענען שוין צוזאַם געקומען געווען, האָט זיך דער אַלטער רבי נתנאל אַליין אויף גישטעלט אויף די בימה וואָס איז געווען צו געגרייט, און האָט אויסגערופן מיט אַ הויכן קול.

אני, איך נתנאל ברבי משה עמנואל, גיב איבער מיין גאַנץ פאַרמעגן און די האַנט פון דעם ערליכן קלוגן רבי יצחק וואָס שטייט דאָ פאַר אייך, ער וועט זיין פון היינט אָן אייער פאַלער בעל-בית, און איר אַלע ברויכט צו זיין אונטער טעניק אונטער אים. איך האָף און בין זיכער אַז איר וועט געוויס אַלע שטיין שטענדיק צו זיין רעכטע האַנט, און ערפילן פונקטליך זיין ווילן, דאַן וועט אייך געוויס גאָר גוט זיין אונטער אים.

ווי רבי נתנאל האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָט רבי יצחק אויך געזאָגט עטליכע ווערטער, ער האָט געבעטן אַז די אַלע איינגעשטעלטע זאָלן ערפילן זיין ווינטש וואָס ער קוקט אַרויס דערויף, זיי זאָלן זיך אַזוי אויפפירן אַז ער זאָל זיך קענען פירען צו זיי מיט אַ ווייכע האַנט, דען ער וויל נישט אַנקומען צו דעם, אַז ער זאָל אויסניצן די גרויסע רעכטן וואָס די געזעצן גיבן אין די האַנט פון אַ הער קעגין זיינע קנעכט.

ווי רבי יצחק האָט געענדיגט זיינע ווערטער האָט ער געהייסן געבן פאַר אַלע איינגעשטעלטע משקה, פאַר אַלע גלייך,

האָט רבי יצחק אויסגערופן, אַזוי האָבן אויך די קנעכט בעקומען גלייך מיט די אַנדערע איינגעשטעלטע, דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן וואָס זיי האָבן געטרונקען צווישן די איבריקע מענטשן, די שמחה האָט זיך געענדיגט, און יעדער איז צוריק צו זיין ארבייט, און אַלעס איז געווען פונקט ווי ביז יעצט, נאָר עס איז צו געקומען אַ צימער, וואָס האָט געהייסן רבי יצחק׳ס צימער, פון דאָרט איז יעדן טאָג אַרויס די באַפעלן צו אַלע אַרבייטער, די איינטיילונג פאַר יעדן זיין אַרבייט, און באַשעפטיגונג.

ויהי כאשר הפקיד. ווי רבי יצחק איז געוואָרן דער ממונה איבער דעם פערמעגן פון רבי נתנאל, און האָט אָנגעהויבן צו פירן זיינע געשעפטן, האָט ער אַריינגעברענגט אַ נייעם גייסט פון לעבן, אין דעם גאַנצן מסחר. די גרויסע געשעפטן פון רבי נתנאל וואָס זענען שוין געווען פערשלאָפן און עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אָט גייען זיי שוין אונטער, האָבן אָנגעהויבן צו בליען אויפעסניי, מיט פיעל אַ גרעסען גייסט ווי זיי האָבן אין די שענסטע יאָרן פון רבי נתנאל געבליעט. די הצלחה האָט געשיינט אַזוי ווי די ליכטיגע זון, און דאָס עושרות איז אַריינגעפלאָסן דורך טירן און פענסטער. רבי נתנאל האָט וואָרט געהאַלטן ער האָט פון גאָר נישט געוואָלט וויסן, נאָר ער איז געזעסן און געלערינט אָדער תהילים געזאָגט. פונדסטוועגן האָט ער פאָרט געזען ווי זוי רבי יצחק האָט אויפגעלעבט זיינע געשעפטען. אויך האָט ער געזען זיין ריכטיקייט און ערליכקייט, דאַריבער האָט ער אים שטאַרק ליב בעקומען אַזוי ווי אַ בן יחיד׳ל.

דעם מסחר האָט רבי יצחק געפירט גאָר פונקטליך. אַלע טאָג פלעג ער אויפשטיין גאָר פרי, דאַווענען, לערנען, עפּעס עסען, און גיין אין זיין צימער פון וועלכן ער האָט געפירט

דעם גאַנצען פאַרנעם פון די פילע פאַבריקען מיט געשעפטן. אַ גאַנצן טאָג איז רבי יצחק געזעסן אין זיין צימער, אַפילו דאָס עסן האָט מען אים אַהער געברענגט, הערשט שפּעט אין די נאַכט, ווען ער פלעג צו ענדיגן די פילע בריף צו די גרויסע סוחרים פלעג ער גיין שלאָפן. שבת פלעג רבי יצחק עסן צו זאַם מיט רבי נתנאל, ער פלעג צו צו שטעלן גאַר אַ פריילכן שבת, אזוי ווי זיין שטייגער איז שטענדיק געווען.

מיט די צייט איז רבי יצחק באַוואוסט געוואָרן אין די גאַנצע שטאָט, און זיין גוטער נאָמען איז צושפּרייט געוואָרן אין דער גאַנצער מדינה, יעדער האָט געוואָסט פון זיין גרויסער חכמה, און טיפען פערשטאַנד, און פון זיין ערליכקייט. צוליב זיינע געשעפטן פלעג ער אויך גאָר אָפט אַריינקומען אין דעם קעניג־ליכן הויף, און מיט די צייט איז ער גאָר בעפריינדעט געוואָרן מיט דעם קעניג אליין, דער קעניג פלעג זיך מיט אים בעראָטן די שווערסטע זאַכן וואָס זענען אים פאַרגעקומען אין זיין קעניגרייך. אַזוי ווייט איז ער בעפריינדעט געוואָרן מיט דעם קעניג, אַז ווען ער האָט געברויכט דרינגענד אַ עצה, האָט ער געשיקט רופן רבי יצחק׳ן כדי ער זאָל זיך בעראָטן מיט אים.

ווי עס איז בעקאַנט געוואָרן רבי יצחק׳ס גוטער נאמען אין מדינת־ישמעאל, און איבער הויפּט זיין גוט הארץ, האבן אנגעהויבן צו אים צו קומען אלע מענטשין וואָס האָבן געהאַט פערביטערטע הערצער, ווער עס האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן, אדער ווען מען האָט געוואלט צו נעמען זיין פרנסה, און איבער הויפּט ווען די שרעקליכע מושלים וואָס האָבן דעמולט געוועלטיגט פלעגין מיט גרויס אכזריות אינטער דרוקען, די אלע האָבן זיך געווענט צו רבי יצחק. און ער האָט טאקע געזוכט יעדן צו העלפן אין זיין נויט, אטייל האָט ער פון זיין אייגענעם פארמעגן געגעבן א גרויסע נדבה, אטייל האָט

ער אויף פערשידענע ארטן בעזארגט אז מען זאל זיי נישט אוועק נעמען זייער פרנסה, און דעם שטערקסטן כח פלעג ער צו פערלייגען אז די מושלים זאלן נישט אונטער דריקען זייערע איינוואוינער, דורך זיין קאנטשאפט מיט דעם מלך האט ער שטענדיק געראטעוועט פון זייער האנט די ארימע איינוואוינער. לעבן די אלע זאכן האט ער נאך פונקטליך געפירט די אלע גרויסע געשעפטן.

י.

ווי מער רבי יצחק איז אריינגעקומען אין די געשעפטן, איז זיין קאפ געווארן מער איבערגעגעבן צו זיי, אזוי אז ער איז אינגאנצן געלעגן אין מסחר. עס האט נישט געדויערט קיין לאנגע צייט האט דאס אנגעהויבן צו געבן זיינע צייכענס אין רבי יצחק׳ס אויפפירעכטס, דאס דאווענען איז שוין נישט געווען קיין דאווען ווי ביז יעצט, דאס לערנען איז שוין נאר געווען אבי יוצא צו זיין, איבערהויפט האט זיך דאס דערקאנט ביי דעם שבת, די שמחה דאס התלהבות וואס רבי יצחק פלעג האבן ווען דער שבת האט נאר געברויכט צו קומען, איז אינגאנצן פערשוינדן געווארן, דאס גאנצע פייער מיט דעם הייליגען ברען וואס האט שטענדיג געפלאקערט ווי א פייער ביי רבי יצחק׳ן אין הארץ, איז אינגאנצען פארלאשען געווארן.

אזוי איז אדורך ניין חדשים, רבי יצחק איז אלצס מער אין מער אריינגעטועוען געווארן אין די געשעפטן, זיין קאפ איז געלעגן מער ביי זיי ווי ביי זיך ער האט פשוט קיין צייט געהאט צו טראכטן אויף זיך אויך, דאס האט אזוי געדויערט ביז שבת-תשובה.

שבת-תשובה. האט זיך רבי יצחק אנגעהויבן צו בערעכנען, וואס איז דאס עפעס מיט אים געשען. ער האט געזוכט די

שמחה דעם ברען וואָס ער האָט געפּילט מיט אַ יאָר צוריק שבת-תשובה, די אינעווענדיקסטע פרייד, און דעם חשבון-הנפש וואָס עס האָט זיך פון זיך זעלבסט אָפּגערעכינט, אָבער אַפילו די שמחה פון אַ געוועגדליכן שבת וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ יאָר צוריק, האָט ער אויך נישט געקענט געפונען. ער קוקט אַזוי אַרויס פון דעם פענסטער אויף דעם גרויסן שטרו-מיקן אוקיאַנוס וואָס האָט געקלאַפּט זיינע וואַלן צו די אונ-טערשטע ווענט פון דעם פּאַלאַץ, עס קומען אים אויפדיגעדאַנקען די פריילעכע שבתים וואָס ער האָט אָבגעראַכטן אויף דעם אוקינוס אין די טרויריקסטע צייטן, ווען ער איז געשטאַנען נענטער צו דעם טויט ווי צו דעם לעבן, און היינט לעבט ער גאָר אין א צווייטע וועלט, אַ וועלט, פון געטומעל און גערויש, וואָס דאָס לעבן איז קיין לעבן נישט, פון גאַנץ אין דער פרי, ביז שפּעט אין די נאַכט, פעריאָגט אין פערטראַכט, ווי איז דאָס היינטיקע דאַווענען גלייך צו דעם פאַריעריקען דאַווענען, און אַזוי האָט זיך רבי יצחק ווי דערוועקט פון אַ לאַנגען שלאָף וואָס האָט געדויערט אַ דרייפערטיל יאָר. ער טראַכט זיך אַזוי, צו וואָס האָב איך איבער געלאָזסט דאָס שיינע לאַנד כוזר, ווען געלט? דאָס האָב איך דאָך דאָרט אויך געהאַט גענוג, איך בין דאָך אינגאַנצן אַ וועק ווייל איך האָב געוואָלט טרעפן אַ צדיק אַ רבין, וואָס זאָל מיר ווייזן דעם ריכטגן וועג. צו ענדע בין איך נאָך ערגער געוואָרן, זיינע געדאַנקען האָבן אין אים אָנגעצינדען אַ פייער מיט אברען, און מיט גרויס התלהבות האָט ער שוין אָנגעהויבן צו פּלאַנען וועגן אַ צייטן וועג.

ווי רבי יצחק טראַכט אַזוי אין זיינע געדאַנקען, קלאַפּט מען אין די טיר, ער עפענט די טיר קומען אַריין צוויי זעלנער פאָן דעם קעניגלאַכן וואַך, מיט אַ בריף פון דעם קעניג אין די

הענט, רבי יצחק נעמט דעם בריף אין לײנט.

צו מײן ליבן פרײנד דון יצחק.

בעסטער פרײנד! שױן אַ לענגערע צײט װאָס איך שטרעב אַז די זאַלסט אַרײנקומען אין דעם קעניגליכן קאַבינעט, אַלע מיניסטאָרן האָבן זיך ביז הײנט אַ קעגן געשטעלט.

הײנט איז דער גליקליכער טאָג פאַר דיר און אויך פאַר מיר, דעם הײנטיקען טאָג האָבן אײנגעװיליגט אַלע מינסטאָרן אַז די זאָלסט אַרײן קומען אין דעם קעניגליכן קאַבינעט אַלצס משנה פון דעם פינאַנטס-מיניסטער [סגן שר-האוצר].

לויט דעם געזעץ קענען נישט אַ רײנקומען אין דעם קעניגליכן קאַבינעט נאָר אַ זעלכע װאָס האַלטן דעם מחמד'אַנשן גלויבן, דאַריבער פערלאַנג איך זאָלסט גלײך צו גײן מיט מײנע צװײ זעלנער, צו דעם בישוף אָן צו נעמען דאָס מחמדאַנישע גלויבן.

איך פערשטײ אַז די זאַך איז דיר שװער, אָבער איך בין זיכער אַז דײן גרויסע ליבשאַפט צו מיר, װעט איבער װעגן די שװערסטע זאַך, און װעסט געװיס גלײך ערפילן מײן פערלאַנג, און מיך נישט פאַרשעמען קעגן מײנע מיניסטאָרן.

די קענסט דאָס טון מיט אַ גרינגן געמיד, דען מיט דעם ראַטעװסטו פון טויט אַלע יהודים װאָס געפונען זיך אין מײן קעניגרײך.

מיט האָפענונג דיך צו זען נאָך הײנט אין מײן קאַבינעט.

דײן ריכטיגער פרײנד
מוחמד רחמן

ווי רבי יצחק האָט דורך געליינט דעם בריף פון דעם קעניג איז אים טונקעל געוואָרן פאַר די אויגן, עס האָט אים אָנגעהויבן צו טרייסלען דער גאַנצער קערפּער. ער זאָגט פאַר די צוויי זעלנער וואָס האָבן אים געברענגט דעם בריף, וואַרט צו אַפּאָר מינוט דאָן וועל איך צו גיין מיט אייך צו דעם קעניג. די זעלנער ענפערן אים אַז צו דעם קעניג קען ער יעצט נישט צו קומען, נאָר נאָכדעם וואָס ער וועט זיין ביי דעם בישוף, און אויב ער וויל נישט קומען צו דעם בישוף האָבן זיי אַ באַפעל אים גלייך צו נעמען אין (טורמא) תפיסה, אויך האָבן אים געזאָגט די צוויי זעלנער אַז אויב ער וועט נישט גלייך קומען מיט זיי צו דעם בישוף האָבן זיי אַ בריעף צו דעם הויפּט פון מיליטער ער זאָל איינשפּאַרן אַלע יודן פון לאַנד. די זעלנער האָבן פערציילט פיר רבי יצחק אַז דער קעניג האָט דאָס אַזוי צוגעזאָגט פאַר די מיניסטאָרן, אז אויב רבי יצחק וועט נישט מיט זיי גיין צו דעם בישוף זאָל מען גלייך נעמען אַלע יודן אין געפענגעניש. רבי יצחק האָט פערשטאַנען אַז די שונאי-ישראל פון דעם קעניגליכן קאַבינעט האָבן דאָס אויסגעקלערט ווי זוי צו בעקומען דעם קעניג, ער זאָל שלעכטס טוען פאַר יודן.

רבי יצחק זעטצט זיך אַראָפּ צו דעם טיש און הייבט אָן אַריין טראַכטן און זיכט אין זיינע קלוגע געדאַנקען עפּעס אַ עצה אין דער ביטערער לאַגע. לעבן דעם פענסטער וואָס ס'האָט זיך דורך אים אַריינגעזען דער רוישיקער ים, איז געשטאַנען אַ גרויסע שאַפע, אויף דער שאַפע איז געלעגן אין אַ בלעכן קעסטיל רבי יצחק'ס זאַכן וואָס ער האָט נאָך געהאַט פון לאַנד כוזר, צווישן די זאַכן זענען אויך געווען זיינע טייערע תפילין וואָס זיין ערליכער פאָטער האָט פאַר אים געלאַזסט שרייבן. ער קוקט אַזוי אויף דעם בלעכנעם קעסטיל מיט די תפילין

און טראַכט זיך אין האַרץ פון מיינע תפילין ווילמען מיך אַ וועק רייסן מיט אַ פאַרבלענדעניש פון אַ קעניגליכען קאַבינעט, דער נאַרישער מלך קלערט אַז דאָס איז ביי מיר אַזאַ חשיבות, אַז צוליב דעם וועל איך חלילה איבערלאָזן מיין הייליג יודישקייט, ער ווייסט נישט אַז די גאַנצע מלוכה האָט נישט די ווערט פון איין מצוה, ווען די מלכים און שרים זאָלן שפירן איינמאָל אין זייער לעבן אַ טעם, וואָס אַ פשוטער יוד ווי איך פיעל אַפילו היינט אין אַ הייליגן שבת, וואָלטן זיי געוויס איבער געלאָזסט אַלע זייערע ממלכות מיט תענוגים וואָס איז נאָר פאַראַן אויף די וועלט און וואָלטן געלאָפן צו דעם הייליגן שבת.

ווי רבי יצחק טראַכט אַזוי, בעטן אים די זעלנער מיט גרויס דרך-ארץ, עס זאָל אים נישט פאַרדריסן, אָבער זיי קענען נישט פיעל וואַרטן, דען זיי האָבן אַ באַפעל גלייך צו נעמען אַנטוואָרט. עטליכע מיניסטאָרן האָבן זיי אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלן אים נישט לאָזן פיעל אַריין טראַכטן, נאָר ער זאָל גלייך ענפערן, יאָ, אָדער ניין. רבי יצחק האָט געזען אַז עס איז נישט קיין צייט צו טראַכטן, גיט ער זיך מיט אַ שנעלקייט אַ הייב אויף פון טיש נעמט דעם אויבער מאַנטל אויף זיך און הייבט אָן צו גיין מיט די צוויי זעלנער. זיי האָבן זיך שטאַרק דער פרייט. ווען ער איז שוין געווען ביי די טיער אַרויס צו גיין, האָט ער זיך דערמאָנט — לויט ווי עס זעט אויס — אַז ער האָט פאַרגעסן עפּעס צו נעמען, ער גייט צוריק צו דער שאַפע וואָס אויף איר איז געלעגן דאָס בלעכענע קעסטל מיט די תפילין, ער וויל אַראָפּ נעמען דאָס קעסטל פון די שאַפע, ער איז אָבער צו קורץ ער דערגרייכט דאָס נישט, גיט ער אַ שפּרינג ארויף אויף דעם פענסטער וואָס איז געשטאַנען לעבן די שאַפע, און גיט אַ נעם דאָס קעסטעל, אָבער ווי ער האָט

אַזוי אין די שנעל געגעבן אַ כאַפּ דאָס קעסטל האָט ער זיך געגעבן אַ גליטש אויס, און איז מיט אַ גרויסן שטורעם ארויף געפאַלן אויף דעם פענסטער מיט דעם קעסטל און די הענט. די שויב אויף וועלכער ער איז אַרויף געפאַלן האָט זיך גלייך אויסגעהאַקט, און רבי יצחק איז מיט אַ שטורעם אַריין געפלויגן אין דעם רוישיגען אוקיאַנוס, און דאָס בלעכנע קעסטל אויף אים.



רבי יצחק פליט אריין אין די מצילות-הים.

די זעלנער וואָס האָבן צו געקוקט מיט זייערע אויגן דאָס שרעקליכע אומגליק וואָס איז דאָ געשען, זענען שיעור צומישט געוואָרן. עס איז זיי אַפּילו נישט אויף די געדאַנקען געקומען אַז רבי יצחק האָט דאָס בכוונה געמאַכט. וואָרום ווי האָט דען זיי געקענט אײַנפאַלן אַז זיצענדיק ביים טיש האָט רבי יצחק די גנצע זאַך אַזוי פונקטליך אויסגעפּלאַנט. זיי זענען געווען זיכער אַז דאָס אומגליק האָט רבי יצחק פּלוצים פּערכאַפּט.

די זעלנער האָבן זיך גענומען מאַכן אַ געשריי, זיי זענען גלייך געלאָפן צו דעם קעניג און אים פונקטליך דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט רבי יצחק. דער קעניג האָט פּערשטאַנען אַז פון גרויס איבעראַשונג און פרייד אַז ער וועט אַריינקומען אין דעם קעניגס קאַבינעט, איז רבי יצחק נישט געווען גענוג פּאַרזיכטיג ווען ער איז ארויף אויף דעם פּענסטער, דאַריבער האָט אים געטראָפען דאָס אומגליק. דער קעניג האָט גלייך אַרויס געשיקט עטליכע קריגס שיפן זוכן אין אַלע זייטן פון ים אפשר וועט מען נאָך קענען ראַטעווען רבי יצחק׳ן, און אויב זיי וועלן אים נישט געפונען לעבעדיג, זאָל מען כאַטש זיין קערפּער ברענגען צו אים, דען ער וויל אים אָפּרעכטן אַ קעניגליכע לוויה.

וואָס עס האָט זיך געטון אין הויז פון רבי נתנאל קען זיך יעדער זעלבסט פאַרשטעלן, אָבער נישט נאָר דאָס הויז פון רבי נתנאל האָבן געקלאָגט אין געוויינט אויף דעם חשובן רבי יצחק, נאָר אויך אַלע מענטשן פון שטאָט, און דאָס גאַנצע לאַנד, דען רבי יצחק איז געווען בעליבט ביי יעדן אין די אויגן.

איין מענטש איז געווען אין די גאנצע שטאָט וואָס האָט נישט געוויינט אויף רבי יצחק און קיין קרעכטץ נישט געגעבן נאָך אים, דאָס איז געווען... רבי נתנאל אליין, דעם ערשטן

טאָג האָט מען פון אים פערהוילן דאָס אומגליק וואָס האָט פּאַסירט, ווייל מען האָט געוואוסט אַז אויב ער וועט זיך דאָס דערוויסען אַז זיין געליבסטער פריינד, וואָס ער האָט אים ליב געהאַט ווי אַ בן יחיד׳ל, איז אויף אַזאַ שרעקליכען אויפן אומגעקומען, וועט ער עס געוויס נישט קענען אַ דורך טראָגן, דעם צווייטן טאָג ווידער האָט ער שוין פון אַלעם געוואוסט, קיינער האָט אים נישט דערציילט אין ער האָט אלצס געוואוסט, דען ער האָט זיך געחלומט די גאַנצע מעשה, מ׳האָט אים אַלעס פונקטליך געוויזן אין חלום אזוי אז ער האָט געוואוסט אַז עס איז נישט דאָ אויף וואָס צו וויינען.

אָבער די אַלע אַנדערע מענטשן פון מדינת-ישמעאל האָבן פון טיפן האַרץ געגאָסן הייסע טרערן אויף רבי יצחק׳ס אומקומען.

פיער טעג נאָכדעם וואָס דער קעניג האָט אַרויס געשיקט די שיפען זוכען רבי יצחק׳ן, זענען זיי צוריק געקומען מיט לערע הענט, זיי האָבן קיין שום זכר נישט געפונען פון אים, דער קעניג האָט געלאָזסט אויסרופן אַ טרויער אין גאַנצן לאַנד אויף דעם קלוגן העלד, וואָס זיין גלייכן איז נישט צו געפינען אין די גאַנצע וועלט, און איז אויף אַזאַ שרעקליכן ביטערן אופן אַ וועק געריסן געוואָרן פון אונז, די טרויער האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט.

יעדעס יאָר אין דעם טאָג וואָס דאָס שרעקליכע אומגליק האָט פּאַסירט, האָבן די איינוואוינער פון לאַנד געטרויערט מיט אַ טיפען טרויער נאָך דעם גרויסען העלד וואָס האָט זיי שטענדיק געראַטעוועט פון זייערע אונטער-דרוקערס, און האָט זיי אַרויס געהאָלפען אין זייער נויט. זיי

פלעגען רעדען פון דעם גרויסען ניצן וואָס יעדער האָט געהאַט פון דעם קלוגען און גוטהערציקען רבי יצחק, און מיט אַ טיפע בענקשאַפט האָבען זיי דערמאָנט זיין נאָמען.

דער קעניג האָט דעם טאָג וואָס רבי יצחק האָט זיך דערטרונקען אויסגערופען פאַר אַ טרויער־טאָג אויף שטענדיק, ביז די לעצטע דורות — — —.

## א ווערטיל פון ספר החכמה

### די נשמה יתירה...

אויף לשון-הקודש האָט דאָס וואָרט „יתירה" צוויי איבערזעצונגען. יתי־רה, איז טייטש „איבריג", און יתירה איז אויך טייטש „מער". למשל די „נשמה-יתירה", הייסט יתירה, ווייל ווי בעקאַנט, קומט אַריין אין אַ יוד יעדען שבת נאָך אַ נשמה, האָט ער דאָך „מער מיט אַ נשמה", דאַריבער רופט מען זי „נשמה-יתירה", מער מיט אַ נשמה.

* *

צו אַ געוויסן צדיק איז אַ מאָל אַריין געקומען מוצאי-שבת שפעט אין די נאַכט אַ משכיל. אַרום דעם צדיק זענען געזעסען זיינע חסידים און מען האָט נאָך געפּראַוועט שלש סעודות.

—קומט זעצט אייך צו, זאָל זיך אייער נשמה-יתירה אויך מחיה זיין מיט אונזער שלש-סעודות, האָט דער רבי געזאָגט פאַר דעם משכיל וואָס איז געווען בעקאַנט אין שטאָט פאַר אַ גרויסען שונא פון יודישקייט.

— איך האָב נישט קיין נשמה יתירה — ענפערט צוריק דער משכיל, און זאָגט, — איך האב נאר איין נשמה.

— רופט זיך אָן דער צדיק. אָבער די איינע איז אויך יתירה (איבריג)...

**ועתה נשובה· און יעצט וועלן מיר זיך אומקערן צו רבי אברהם, וואס האט זיך ארויס געלאזט זוכען די בת־המלכה וועלכע דער שטורעם ווינט האט אוועק געטראגען, ווען זי איז געשטאנען ביים ברעג פונעם ים·**

ווי ר׳ אברהם האָט זיך דערוויטערט פון דעם מלך מיט די הערן, וואָס האָבען איהם בעגלייט, און איז שוין געווען אין דעם געדיכטען וואַלד אַ פאָר מייל, איז ער אַראָפּ געשפרונגען פון פערד, און אָט זיך אויסגעטון די קעניגליכע קליידער וואָס ער איז געווען אָנגעקליידעט אַלס משנה־למלך, און האָט זיך אָנגעטון פשוטע קליידער וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך מיטגענומען. די קעניגליכע קליידער האָט ער אַריין געלייגט אין קעסטעל וואָס ער האָט מיט זיך געהאָט, און איז צוריק ארויף געשפרונגען אויף דעם פערד, און וייטער געריטען.

מיט אַ גרויסן אייזערנעם פאַנצער־הוט אויף זיין קאָפּ, און מיט א ברייטן פיילענבויגן אויף זיין רוקען, און א שאַרפע שווערד אויף זיין דיכט איז זיך רבי אברהם געריטן אין דעם געדעכטן וואַלד. עטליכע וואָכן איז ער געריטן אין דער בעסטער אָרדענונג. לויט ווי ער האָט געקאָנט די וועגען פון וואַלד האָט ער געטראַכט אז ביז צוויי וואָכן וועט ער שוין האָבען דורכגעריטען דאָס גאַנצע וואַלד. אבער נישט אלעס פירט זיך אזוי ווי מען פלאַנט.

אין מיטען אַ שיינעם ליכטיגען טאָג, רבי אברהם רייט

זיך ווי געוועגדליך רוהיג אויף זיין פערד. הערט ער פלוצים א הויך געשריי, „הייב אויף די הענט אין די לופט“! האט דאָס געשריי אויסגערופן. אויב די ווערסט צו לייגען א האַנט צו דיין פיילענבויגען אָדער צו דיין שווערד, ווערסטו גלייך אַראָפּ געשאָסען מיט א פארגיפטיגטע פייל!, האָט ווייטער געדונערט אויף איהם די געזונטע שטימע. איידער רבי אברהם האָט זיך צייט געהאָט איבער צוקלערן וואָס צו טון, האָט ער געזען ווי ער איז ארום גערינגעלט פון אלע זייטן מיט אַ היפשע פאר רויבערס. רבי אברהם האָט גלייך מקיים־פסק געווען און אויפגעהויבען די הענט צום הימעל. עס איז נישט אריבער אַפּאָר מינוט איז ער שוין געווען געבונדען ווי אַ שעפּס.

ווי רבי אברהם ליגט אזוי געבונדען אויף די אויסגעטריקענטע בלעטער וואָס זענען אראָפּ געפאַלן פון די ביימער אין וואַלד, הערט ער ווי די רויבער קריגן זיך ארום. צווישן זיך, עטליכע זאָגן, מיר זענען זיכער אז דאָס איז געוויס „דער“, און עטליכע זאָגן, אַז דאָס איז נישט „דער“. זיי האָבן זיך אַזוי געקריגט ביז עס איז צו געקומען איינער וואָס האָט אויסגעזען צו זיין זייער הויפּט. ווען ער איז צו געקומען זענען אַלע שטיל געבליבן. ער גייט צו גאָר נאָנט צו רבי אברהם, ער קוקט אים אין די אויגן עטליכע מינוט און בעטראכטן אים פון אלע זייטן, דאן זאָגט ער, עס איז ריכטיג. דער רייטער זעט אויס פונקט ווי יענער גענעראל, אָבער איך דערקאָן אויף אים אַז נישט ער איז דאָס, דען יענער האָט אויסגעקוקט פיעל יונגער. איך בין אָבער זיכער אַז ער איז אַ לייבלאַכער פריינד מיט אים, אדער א ברודער אָדער א ברודער׳ס א זון. ווי ער האט געענדיקט זיינע ווערטער, גיט ער אַ באפעל מען זאָל אים אפּ-

בונדען, און ברענגען צו אים.

הער דיך גוט איין וואָס איך וועל דיר דאָ זאָגן, האָט געזאָגט דער מלך־הגזלנים צו רבי אברהם ווען ער איז געשטאַנען פאַר אים. עס האָט אונז געטראָפן אַ גרויס אומגליק אין דער מדבר וואָס געפינט זיך לעבן דעם וואַלד ווי מיר געפינען זיך יעצט. עפעס אַ יונגער גענעראל האָט אונז אַריינ־געגארט אין זיין נעץ. מיך מיט מיין גאנצע באנדע רויבערס — טויזענט מאן — און ער האָט פון אונז געשניטען שטיקער.

צענדליגע יאָרן פירן מיר שוין מלחמות, אָבער עס האָט זיך נאָך ביז צו דעם יונגען גענעראל נישט געפינען קיין מענטש ער זאָל אונז בעזיגען. און דער יונגער גענעראל האָט געאַרבייט מיט אַזאַ חכמה אַז אפילו ווען מיר האָבן זיך שוין געהאַט ארויס געריסן פון זיינע הענט, האָט ער געהאַט אונטער געלייגט נעצן וואָס מיר זענען אלצס אריין געפאלן אין זיי. קוים קוים מיט גרויס העלדישקייט איז מיר מיט די זעקס און פערציק זעלנער וואָס די זעסט דאָ, געלונגען זיך ארויס צו ראטעווען פון אים, מיטן לעבן אין די הענט.

אָט דער קלוגער פויגעל — האָט דער מלך־הגזלנים געוויזן פאַר רבי אברהם מיטן פינגער אויף אַ געזונטען גזלן — אים איז געלונגען זיך ארויס צו ראַטעווען פון אונטער די שווערע נעגעל פון דעם יונגען גענעראל. האָט ער אונז פערציילט דעם סוד אַז דער יונגער גענעראל האָט אָפגערעט מיט זיינע מענשן, דאָס זיי זאָלן בלייבן אין דער מדבר ביז זיי וועלן פערניכטן דעם לעצטן רויבער.

דאַריבער דרייען מיר זיך שוין ארום אין דעם וואַלד אַ לענגערע צייט, דען מיר שרעקען זיך אַריין צו גיין אין דער מדבר. דאָ אין דעם וואלד באַפאַלן מיר די יעגערס וואָס

רייטן ארום עפּעס צו יעגען, אָבער זיי האָבן מיט זיך קיין שום פאַרמעגן וואָס צו רויבן ביי זיי.

צוליב דעם האָבען מיר באַשלאָסען אַז מיר זאָלען זיך איבער ציען צו מיין ברודער דער מלך־הגזלנים אויף דעם „מאַגנעט־אינזעל". מיר האָבען שטענדיג צוזאַמען געפירט די מלוכות, ווען עס פלעגען ווייניג קאָמפּאַניעס מענטשן דורך גיין די גרויסע מדבר, און עס איז נישט געווען וועמען צו רויבן אויף דער טרוקעניש, האָב איך געשיקט עטליכע הונדערט זעלנער צו אים, זיי זאָלן אים העלפען רויבן אויפן ים. און ווען עס פלעגט צו זיין פיעל קאָמפּאַניעס אין די מדבר, האָט ער מיר געשיקט פון זיינע מענטשען.

שוין אַ לענגער צייט וואָס איך האָב באַשלאָסן מיר זאָלן פאָרן צו אים, און מיר קאָנען נישט, ווייל מיר שרעקען זיך דורעך צו רייזען די מדבר, און צו דעם ים קענען מיר נישט צו קומען נאָר דורך דער מדבר.

יעצט דו יונגער רייטער — האָט געזאָגט דער מלך־הגזלנים צו רבי אברהם — וועלן מיר צוזאַם מיט דיר דורך רייזען די גרויסע מדבר ביז צו דעם ברעג פון ים. פערלאַנג איך פון דיר אַז זאָלסט מיר צו שווערן דאָס אויב עס וועט געשען דאָס אומגליק און מיר וועלן ווידער אריין פאלן אין די הענט פון דעם יונגען גענעראל וועסטו זיך אָנשטרענגען אזוי ווי פאר זיך אַליין אַז ער זאָל אונז בעפרייען. טאָמער ווילסטו דאָס נישט אונז צו שווערן, גיב איך גלייך אַ באַפעל מען זאָל דיר דעם קאָפּ אראָפּ נעמען.

— מיט גרויס פאַרגעניגען וועל איך דאָס אייך טון — האט רבי אברהם אים געענפערט — נאר וואס עפּעס טראכסטצו האָט ער געפרעגט דעם מלך־הגזלנים — אז אויב איך וועל בעטען דעם יונגען גענעראל וועגען אייך וועט ער מיך

צו הערן, און וועט פאָלגען וואָס איך וועל אים הייסען.

— ווייל איך בין זיכער — האָט דער מלך הגזלנים געענפערט — אז דער יונגער גענעראל איז דיר א לייבלאַכער פריינד, גאר א נאנטער קרוב. אדער א ברודער, אדער א ברודערס א זון. זיין געשטאלט האט אויסגעקוקט פונקט ווי דיין געשטאלט אייערע צוויי פנימער זענען אזוי גלייך אז פיעל פון מיינע זעלנער, זענען געווען זיכער, אַז דו אַליין ביסט דער יונגער גענעראל.

ווי רבי אברהם האָט אים צוגעזאָגט צו בעטען וועגען זיי ביי דעם יונגען גענעראל, האָבן זיי אים צוריק געגעבן זיין פערד מיט זיין קעסטעל זאַכן וואָס דאַרין זענען אויך גלעגען זיינע קעניגליכע קליידער. אַלען זענען אַרויף אויף זייערע פערד, און זיך גענומען ווייטער רייטן.

ב.

די גזלנים זענען גוט בעקאַנט געווען אין די געדרייטע יועגען פון וואַלד, דעם וועג ארויס פונעם וואַלד וואָס רבי אברהם האָט געטראַכט אז עס וועט דוירן צוויי וואָכן, האָט ביי די גזלנים געדוירט ווינציגער פון א וואך. ביז פינעף טעג האָבן זיי שוין געהאט דורך געריטען דאָס געדיכטע וואַלד. רבי אברהם האָט זיי געזאָגט אַז היינט נאכט איז שבת און אַ יהודי טאָר שבת נישט גיין מיט קיין לאַסט, און טאָר נישט רייטן, דעריבער בעט ער ביי זיי אז זיי זאָלען אים לאָזן רוען גאנץ שבת, קודם האָבן זיי נישט געוואָלט, אבער אז זיי האבן געזען דאס זיי האבן דאָ צו טון מיט אַ יהודי וואָס ווי עס קומט צו יודישקייט איז ער אַ גרויסער עקשן, און מיט זיינע פיס וועט ער בשום אויפן נישט גיין אין שבת. זענען זיי אַלע געבליבן אויף איין אָרט

אַ גאַנצען שבת צוליב אים. זיי האָבען זיק געשראָקען אים צו נעמען מיט די געוואַלד, דען אַז זיי ווען אַריין פאַלען אין די הענט פון דעם יונגען גענעראל וועט ער זיך דאָך נוקם זיין דערויף.

אין דער מדבר האָבן זיי נישט געריטן נאָר ביינאכט. דען בייטאָג האָבען זיי זיך געשראָקען פיליכט וועט לייגען אויף זיי די הענט דער יונגער גענעראל. בעפאָר עס האָט נאָך געטאָגט פלעגען זיי שוין אויפהערן צו רייטן. זיי האָבן זיך אַלצס אויסגעזוכט אַ הייל צווישען גרויסע שטיינער. אין די היילען פלעגען זיי זיך אויסבאהאלטן איבערן טאג. די טעג זענען זיי געווען צום רוהען, עסן, שלאפן, שמוסען, און די נעכט צום רייטען. אַ גאַנצע נאַכט אָן אַ מינוט אויפ־הער, האָבען זיי געריטען.

די רויבער זענען אזוי גוט בעקאַנט געווען אין דער מדבר, אז זיי האָבן געוואוסט אויסצורעכענען אלע טעג אין וועלכע הייל צו רוהען דעם צווייטען טאָג. עטליכע גזלנים פלעגן צו שטיין אויף וואך ביי דעם ארייגאנג פון דער הייל, אפשר וועט אויסקומען אז א קאָמפאניע מענטשען וואס רייזען דורך די מדבר וועט צו קומען צו די הייל. אבער איבער דער גאנצער צייט איז נישט אויסגעקומען אפילו איינמאָל אַז די רויבער זאלען זיך ברויכין בייטען זייער הייל אין מיטען טאג, דען זיי האָבן גוט געוואוסט די וועגן ווי די קאָמפאַניעס פלעגען צוגיין, האָבן זיי זיך שטענדיג אויסגעזוכט אַ הייל וואס איז גאָר ווייט פון די וועגן.

אויך ווען זיי פלעגען צו גיין ביי נאכט, זענען זיי גלטס געגאַנגען אויף געדרייטע וועגען, גאָר ווייט פון ווי די קאָמפאַניעס דורך רייזער פלעגען רוהען איבער די נאַכט.

נישט אײנמאָל האָט געזען רבי אברהם פון די װײטענס קאָמפּאַניעס מענטשן. ער האָט צוגעקוקט װי זײ רוהען זיך גאַנץ באַקװעמט, און ער מוז נעבעך דאָ רײטן מיט גרויס אײלעניש צוזאם מיט די גזלנים, אין דער טונקעלער נאכט. װי גערען װאָלט ער זיך צו געכאפּט צו אזא קאָמפּאַניע. האָט ער זיך פיעל מאָל געטראַכט, אָבער די רױבער האָבען אים גוט געהיט אַז ער זאָל נישט מאַכן די פליטה.

פון די װײטען האָט ער צו געקוקט, װי װײט די מענטשן פון די קאָמפּאַניעס װיסען נישט װיאַרום זיך צו היטען פון די רױבער, האָט אײנער פון די קאָמפּאַניע געזוכט עפּעס אין מיטן די נאכט, האָט ער ליכטיג געמאכט עטליכע מינוט. די מענטשען האָבן נישט געטראַכט אַז אין די פּאָר מינוט האָבן שױן די רױבער געזען די גאַנצע מחנה, אפילו די ציטערדקע פּענימער פון די װאַך פון די קאָמפּאַניעס װאָס האָבן זיך אלצס געשראָקען אז זײ װעלן זײן די ערשטע קרבנות פון די גזלנים, האָבן זײ פונקטליך געזען.

צװײ חדשים איז רבי אברהם אזױ געריטען גאַנצע נעכט צוזאמען מיט די רױבער, ביז זײ זענען דורך געריטן די שרעקליכע מדבר,

זײ האָבן נישט געזען קײן זכר פון קײן יונגען גענעראל, זעט אויס אז דער גרויסער פּחד פון די רױבערס איז געװען א אומזיסטיגער. נאָך צװײ חדשים זענען זײ צוגעקומען צו דעם ברעג ים, און זיך גענומען װארטן אז עס זאל זיך בעװײזן אַ שיף אויף דעם ים. אז עס איז דורך אַ פּאָר טאָג און זײ האָבן גאָרנישט געזען, האָבן זײ צוזאם געשלעפּט גרויסע שטײנער, און געמאכט אַ הויך אָרט, אויף דעם הויכן אָרט זענען אַ גאַנצען טאָג געשטאַנען צװײ גזלנים מיט לאַנגען

שפּאַקטיוועז און געקוקט אויף דעם ים, אפשר וועט זיך פּאָרט עפּעס בעוויזן אַ שיף פון די ווייטענס. זייערע אויגן זענען שוין געשוואָלן געוואָרן קוקענדיק, שוין מער ווי דריי וואָכן וואָס זיי קוקן אַזוי אויס אויף אַ שיף, אָבער „ואין קול ואין אניה״. אפילו אַ צייכן פון אַ שיף האָט זיך נישט באַוויזן.

ויאמר. האָט רבי אברהם געזאָגט פאַר דעם מלך־הגזלנים, אויב מיר זאָלן וואַרטן ביז ווען עס וועט פונקט אויף דעם אָרט פאָרן אַ שיף, קענען מיר וואַרטן גאָר אַ לאַנגע צייט.

— וואָס פארא עצה דען האָבן מיר, האט אים איבער געהאקט ד׳ רייד דער מלך הגזלנים. איך האָב איין עצה, ענטפערט אים רבי אברהם, — נאָר וועגען מיין עצה פארלאנג איך עטליכע בקשות, אויב דו וועסט מיר צו שווערן צו ערפילן מיינע בקשות, גיב איך דיר מיין עצה.

זאג דיין עצה און איך שווער גאָרנישט צו, — האָט זיך אנגערופען דער מלך הגזלנים מיט אַ אויפגערעגטע שטימע, נאָר דאָס זאָג איך דיר יאָ צו, אז אויב עס וועט אונז ארויס קומען א טובה צוליב דיין עצה, וועל איך דיר געדענקען די טובה צו גוטענס.

דער צו־זאג איז ביי מיר חשובער פון אַ שבועה, האָט רבי אברהם אויסגערופן מיט א פריילאכע שטימע, און האָט געזאָגט מיין עצה איז, אז אַלע מענטשן זאָלן זיך דער־ווייטערן איינער פון צווייטען אויף דעם באָרטן פון ים, אזוי ווייט ווי מען זעט מיטן אויג. מיר זענען דאָ כמעט פופציג מענטשן וועלן מיר זיך צושפרייטן אויף אַ פּאָר צענדליקע מייל, פון אַזאַ לאַנגען פאַרנעם וועלן מיר געוויס דערזען אַ שיף אין אַ קורצע צייט.

דיין עצה איז אַ ריכטיקע, האָט דער מלך־הגזלנים אים געזאָגט, נאָר מיר וועלן זעען צו זי וועט ברענגען די ישועה.
דער מלך־הגזלנים האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל אַז מען זאָל אַזוי טון ווי רבי אברהם׳ס עצה. דיך געטרוי איך נאָך נישט פאַר אַ היטער, — האָט דער מלך הגזלנים געזאָגט צו רבי אברהם, — די וועסט בלייבן מיט מיר.

עטליכע טעג האָט רבי אברהם פאַרברענגט מיט דעם מלך צוזאַם, דער מלך האָט אים פערציילט מיט וואָספאַראַ חכמה ער האָט אויסגעהאַרגעט זיינע חברים וואָס האָבן געוואָלט די מלוכה, אויך האָט ער אים פערציילט פון זיינע פילע מלחמות. רבי אברהם האָט אלצס געפּרובט צו פאָרשטן ביי אים וועגן דער מלחמה וואָס ער האָט אים דעם ערשטן טאָג פערציילט אַז ער האָט זי פערשפּילט ביי דעם יונגען גענעראַל וואָס איז געווען שטארק עהנליך צו אים, אָבער וועגן דעם האָט ער נישט געוואָלט רעדן קיין וואָרט, ער האָט אַלצס אַוועק געדרייט דעם שמועס אויף אַ צווייטע זאַך, פון די גרויסע חכמה און גבורה פון זיין ברודער וואָס זיי פאָרן יעצט צו אים. און אויף וואָספאַראַ קלוגע אויפנים ער האָט אויסגעשפּילט די גרעסטע מלכים.
איינמאל — פערציילט ער אים — האט מיין ברודער אויס געשפּילט אַ מלך, אַז עד היום פערשטייען נישט זיינע יועצים ווי אזוי ער האט דאס געטון. דאס איז געווען מיט אַ „בת־מלכה״... איך וויל דיר אויך נישט דערציילען פונקטליך ווי אזוי דאס איז געשען, נאר אזויפיל קען איך דיר זאגען אז ביז דעם היינטיגען טאג זיצט זי אין דעם מאגנעט־אינדזל ביי מיין ברודער, און קיינער האט נישט די חוצפה צו פּרובען זי ארויס נעמען פון זיינע הענט.
ווי רבי אברהם האט דערהערט די ווערטער, איז ער

ממש אונט געשפרונגען, אבער ער האט זיך שטארק איינגע־האלטען אז דער מלך־הגזלנים זאל אויף אים גארנישט מערקן.

וואָס הייסט „אויסגעשפּילט"? פרעגט אַם רבי אברהם מיט אַ רוהיגע שטימע. — ביי אונז הייסט עס — זאגט ווייטער רבי אברהם — ווען דער מלך למשל האט געוואוסט אז עמיצער וויל זי צונעמען, און ער מאכט מיטלען אז יענער זאָל זי נישט קאָנען צו נעמען, און יענער ווידער האָט אויסגעקלערט עפּעס א שפּיצל אויף וואסאַראַ אַרט זי אוועק צו נעמען אַז דעם מלך איז דאָס גאָרנישט איינגעפאַלן, דאָס הייסט ביי אונז „אויסגעשפּילט".

איך וועל דיר דערציילען די גאנצע מעשה — האט זיך אנגערופען דער מלך־הגזלנים — כדי דו זאלסט זען אַז ווען איך זאג אויסגעשפּילט הייסט דאס טאקע אויסגעשפּילט. רבי אברהם שטעלט אויף זיינע אויערן צו הערן יעדעס וואָרט וואס וועט ארויס פון זיין מויל.

ג.

איך הער עפּעס אַ סימן פון דערווייטענס, זאגט דער מלך. און ער שטעלט זיך גלייך אויף, און קוקט זיך שטארק איין אויף דעם אָרט פון ווי דער סימן איז געקומען, זעט ער ווי מען ווינקט אים אַז ער זאָל שנעל קומען. זיי נעמען זיך גלייך גיין. מיר האָבען אַ שיף! שרייט אויס מיט גרויס פרייד איין רויבער. אָה! דיין עצה איז געוועזן א גוטע, — זאגט דער מלך צו רבי אברהם — דו וועסט גוט באלוינט ווערען. די שיף געפינט זיך אַ גאנג פון צוועלף מייל פון דא, זאגט דער רויבער, און רייט ווייטער צו פערשטענדיגען די איבריקע רויבערס.

דער מלך מיט רבי אברהם זעצען זיך ארויף אויף זייערע פערד און רייטען צו צו דער שיף. רבי אברהם האט עטליכע מאל געזאגט אז עס וועלט אים שטארק אינטערעסאנט געווען צו הערען ווי אזוי דער ברודער וואס מיר פארען יעצט צו אים, האט אויסגעשפילט דעם מלך. אבער דער מלך־הגזלנים האט שוין נישט געהאט קיין געדולד צו רעדן פון די זאכן, זיין קאפ האט יעצט געארבייט אויף וואספארא ארט זיי וועלען קענען פארשלעפען די שיף — וואס זיי האבען יעצט געכאפט — צו דעם מאַגנט־אינזעל.

ווי זיי זענען צו געקומען צו דעם ארט ווי די שיף איז געשטאַנען, האָבען זיי געפינען אַ צען מאַטראָזען מיט אַ פופצען סוחרים זענען געלעגען מיט געבונדענע הענט און פוס אויף דעם ברעג פונם ים. ווי דער מלך הגזלנים האט דאס דערזען האט ער זיך שטארק דערפרייט. צוויי געזונטע רויבערס זענען גלייך צו געקומען צו אים און האבען געזאגט, מיר ווארטען אויף א באפעל וואס ווייטער צו טאן.

ארויף שלעפען די שיף אויף דעם ברעג פונ׳ם ים! האט דער מלך־הגזלנים געגעבען א באפעל.

אין אַ פאָר מינוט אַרום איז שוין געלעגען די שיף אויף דעם ברעג פונם ים. יעצט האט געגעבען דער מלך־הגזלנים אַ באפעל מען זאל זי צונעמען אויף ברעטער. אלע גזלנים האָבען אַרויס גענומען פון זייערע קעסטלעך האַמערס און העק מיט אנדערע כלי־מלאָכה, און עס האט זיך גענומען א קלאַפעריי, זיי האָבן אַרויסגעצויגען אַלע אייזערנע נעגל פון די שיף. יעדע פאר מינוט איז אנגעקומען נאך א רויבער רייטענדיק, ער איז גלייך אראפ געשפרונגען פון פערד, ארויס גענומען זיינע אייזערנע קלאפער־געצייג און זיך גע־

שטעלט צו די איבריקע משחיתים וואָס האָבן צונומען די שיף.

רבי אברהם איז געשטאנען מיט פערוואונדערטע אויגען און געקוקט וואס די רויבערס טוען דא, אבער פרעגן האט ער זיך נישט איינגעשטעלט, דען אלעס האט געארבייט מיט אַזאַ שנעלקייט און פעהיקייט אַז זיי האָבן נישט צייט געהאַט צו עפענען דאס מויל.

ווען די שיף איז שוין געווען צונומען אויף ברעטער, האָט דער מלך הגזלנים אליין אַרויס גענומען פון צווישען זיינע זאכען צוויי קעסטלאך. איינס איז געווען פול מיט פערטרוקענטען קלעבעכטץ, און דאס צווייטע איז געווען פול מיט געלע קופערנע נעגל. ער גיט אַ באַפעל זיי זאלען אנצינדען א גרויס פייער און אויפקאכען דערויף א קעסעל וואסער און דארין אריין שטעלן דאס קלעבאכטץ. ווען זיי האבען שוין געהאט געטון וואס ער האט בעפוילן האט ער געגעבען א באפעל שנעל צוזאם קלאפן די שיף מיט די קופערנע נעגל, זיי האבען אָנגעשמירט מיט דעם קלע־בעכטץ די ברעטער און זיך גענומען צוזאם שטעלן די שיף. עס האט זיך ווידער געטון אזא קלאפעריי דאס די לופט האט געציטערט. אין אַ פּאָר טאָג איז געווען די שיף צוזאם געקלאפט נאך פיעל פעסטער ווי זי איז געווען בעפויער.

אז זיי האבען אינגאנצען געענדיקט זייער ארבייט, נעמט אַרויס דער מלך הגזלנים אַ גרויסען מאַגנעט־אייזן, און פירט אים דורך איבער די גאנצע שיף, אויף וועלכען ארט דער מאגנעט־אייזען האט זיך אפגעשטעלט, האט ער געוואוסט אַז דאָרט געפינט זיך איין אייזערנער נאָגעל (צ׳וואָק), האָט ער אים גלייך געהייסען ארויס־ציען, און אריין קלאפען

אויף זיין אָרט אַ קופּערנעם צוואָק. ווי דער מאַגנעט האָט זיך נישט אפּגעשטעלט האט ער גקעוואוסט אז עס איז קו־פּערנע צוועקעס. דען מאגנעט ציט נישט צו זיך נאר אייזן, אבער קופער ציט ער נישט צו.

ווי דער מלך־הגזלנים האט געענדיגט זיין אונטערזוכונג מיט דעם מאגנעט, האבען זיי די שיף צוריק אריין געשלעפּט אין וואסער און זי צוגעבונדען צום ברעג. א האַלבען טאג און אַ גאנצע נאכט זענען זיי געווען אין דער שיף ביים ברעג פון ים, אַז זיי האָבען געזען אַז דאָס וואַסער ציט זיך נישט אריין אין די שיף, האבען זיי אפגעבונדען די שיף און זיך גענומען פארען. די געבונדענע מאטראזען מיט די סוחרים האָבען זיי געלאָזט געבונדען אויף דעם ברעג פונם ים.

ווי זיי דערווייטערען זיך פון דער טריקעניש אין מיטן ים אַריין, הערט זיך פלוצלינג אַ יאָמערליך געוויין אויף דער שיף, אלא קוקען פון וואו דאס געוויין קומט, זעען זיי אז רבי אברהם וויינט מיט א טרויריגע שטימע.

— וואס פעלט דיר, אברהם, גיט אים א פרעג דער מלך־הגזלנים.

—עס איז מיר זייער ביטער, ענטפערט אים רבי אברהם, און זאגט ווייטער, דו האטס מיר צוגעזאגט אז אויב עס וועט ארויסקומען א הילף פון מיין עצה, וועסטו מיר עס געדענקען צו גוטענס, און צום סוף ווער איך בעלוינט מיט גאר שלעכצס, דווקא צוליב מיין עצה.

— חלילה אז איך זאל טון אזא זאך, זאגט אים ווידער דער מלך, זאָג מיר וואָס אַ שלעכטצס איז ארויסגעקומען צוליב דיין טובה, וועל איך דאס גלייך פאררעכטן.

— צוליב מיר, ענפערט רבי אברהם מיט א וויינענדיקע

שטימע, ווערן שטארבען עטליכע און צוואנציג אומשולדיקע מענטשן. ווען איך וואלט נישט געגעבען מיין עצה וואלטן זיך די מענטשען פון די שיף געפארען זייער וועג און קיין שום שאדן, און יעצט צוליב מיין עצה האט מען זיי צו גענומען זייער גאנץ פארמעגן און זיי גע̇אוט געבונדן אויף דעם ברעג פונם ים, אז זיי זאלען שטארבן פון הונגער. מיין גאנץ לעבען וועל איך נישט האבען קיין רוה צוליב דעם.

זייער פארמעגן און וויפיל די שיף איז ווערט וואלט איך זיי צוליב דיר צוריק געגעבן, האט אים געענטפערט דער מלך־הגזלנים, נאר איך זאל זיי אפבונדן און פריי לאזן קען איך בשום אופן נישט. דען זיי קענען אויף אונז ברענגען אַ גרויס אומגליק, אויב זיי וועלן צוקומען צו א באַוואוינט ארט בעפויר מיר וועלן זיין ביי דעם מאגנעט־אינזל.

— איך האָב צו דעם אַ גוטע עצה, רופט זיך אָן רבי אברהם.

— דו ווילסט מיר אוודאי זאגען, — האט אים איבער־געהאקט אין מיטען די רייד דער מלך־הגזלנים, — אז זיי וועלען מיר צו שווערען קיינעם גאָרנישט צו דערציילען, דאס איז קיין עצה, דען איך ווייס שוין פון לאנג אז די שבועות וואס מענטשען גיבן פאר גזלנים, טראכטן זיי, אז מען מוז זיי נישט איינהאלטן.

— ניין, נישט דאס איז מיין עצה, האט רבי אברהם געזאגט. מיין עצה איז, אז מען זאל אויפבונדען איינעם פון זיי די הענט, און אים געבען איין זעג וואס זעגט אייזן. ביז ער וועט אויפזעגן זיינע אייזערנע קייטן וואָס ליגען אים אויף די פיס, און ביז ער וועט אויפזעגען די קייטען פון אלע פינעף און צוואנציג מענטשן, — דען קיין העק מיט וואָס צו

עפּענען די קייטן האָבן זיי דאָך נישט, — און ביז זיי וועלן צו קומען צו אַ באַוואוינט אָרט, וועלן מיר שוין געוויס זיין ביי דעם מאַגנעט־אינדזל, ווי ווייט עס זאָל נישט זיין פון דאַ.

— כּדי זאָלסט נישט זאָגן אַז וועגן אַ טובה האָב איך בּעצאָלט מיט אַ רשעות, וועל איך טון וואָס דו האָסט געבעטן, האָט דער מלך־הגזלנים געזאָגט. אָבער הער אויף צו וויינען.

דער מלך הגזלנים האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל מען זאָל צוריק פאָרן צום ברעג פונעם ים. די רויבער וואָס האָבן געפירט די שיף האָבן גלייך אויסגעדרייט די זעגעל־ביימער אויף די צווייטע זייט, און אין אַ קורצע צייט זענען זיי שוין ווידער געווען ביים ברעג. די געבונדענע מענטשען האָבן נעבעך זייער ביטער געוויינט. אַז זיי האָבן דערזען די שיף האָבן זיי זיך גענומען בעטן צו די רויבערס אַז זיי זאָלן זיי אָפּבונדן, און זיי לאָזן גיין צופוס צו זייערע משפּחות.

וואַספּאַראַ פרייד עס האָט זיך געטון צווישן די מענטשן, ווען זיי האָבן דערזען די שיף מיט די רויבער דערווייטערן זיך, און זיי האָבן נישט צוריק צוגעבונדען די הענט פון דעם מאַטראַז, וואָס זיי האָבן פריער אָפּגעבונדן — כּדי זיך צו נוצען מיט דער קייט וואָס איז געלעגען אויף זיינען הענט, קאָן זיך יעדער אַליין פאָרשטעלן. זיי זענען געווען זיכער אַז די רויבער האָבן פּשוט פאַרגעסן אַז זיי האָבן אים אָפּגעבונדן, און האָבן געהאַלטן אַז דאָס איז צוליב די חכמה פון דעם מאַטראַז, וואָס האָט געהאַלטען די הענט אַ גאַנצע צייט צוזאַם ווי גלייך זיי וואָלטן געווען צוגעבונדען. פון ווי האָט דען זיי געקענט אויף די געדאַנקען קומען, אַז רבי אברהם האָט זיי דאָס אויס געפּועלט.

אויך האָבן די רויבער פאַרגעסן אַ קעסטל גאָלד וואָס

האט געהאט א ווערט מער פון די גאַנצע שיף, לעבען דעם קעסטעל איז געלעגען אַ זעג וואָס זעגט אייזן.

נו ביסטו שוין צופרידען, האט דער מלך־הגזלנים גע־געבן א פרעג רבי אַבהם׳ן, ווען זיי זענען שוין געווען דאס צווייטע מאל אין מיטן ים.

— מיינע געפילען זענען שוין אַ ביסעל רוהיגער, האט אים רבי אברהם געענטפערט.

ד.

וואס עס איז אריבער מיט רבי אברהם אויף דעם ים איז נישט צו בעשרייבן. די ערשטע פאר טעג האט ער בעקומען דים ים־קראַנקהייט, שפּעטער איז אים די קראַנק־הייט אריבער, אָבער די נסיעה איז אים נישט גרינגער גע־וואָרן.

די רויבער — זעט אויס — זענען נישט געווען געלערנטע מאטראזען, און זיי האָבען נישט געוואוסט וויאַזוי צו פירן די שיף, דאַדורך האָט זיך די שיף א גאנצען וועג געשאקעלט און געטרייסעלט אז רבי אברהם׳ס ביינער זענען שיעור צופאלען. ווער שמועסט ווען עס איז געווען א שטורעם ווינט, דעמאָלט איז טאַקע ממש געווען סכנות־נפשות. — נישט איינמאל האט אויסגעזען אז אט זינקען זיי אונטער.

די געזונטע רויבער׳ס האָט דאָס אַלעס גאָרנישט געשאַט, אָבער אויף דעם איידעלעם רבי אברהם איז געווען אַ גרויס רחמנות. קודם האט ער געקלערט אז זיי ווייסען נישט ווי זיי פארען, דען זיי זענען עטליכע וואכען געפארען נאר צווישען הימעל און וואסער, און זיי האבען איבער דער גאנצער צייט נישט באגעגענט קיין שום שיף. אבער שפעטער האט ער זיך איבערצייגט אז זיי האבען גאנץ גוט געוואוסט.

עטליכע מאל האט אלטס רבי אברהם געפרובט ארויס־שלעפן ביי דעם מלך־הגזלנים, די מעשה מיט דער בת־המלכה, אבער עס איז אים נישט געלונגען. דער מלך־הגזלנים האט נישט געוואלט רעדן דערפון.

נאך פיער וואכען רייזע צווישען הימעל און וואסער, האבען זיי זיך באַגעגענט דאָס ערשטע מאָל מיט אַ שיף. דאָס איז געווען אַ קליין געל שיפעל וואָס האָט אויסגעזען דאס ס'איז פון קופּער דאָס שיפעל האָט גלייך אַרויף געצויגן אויף די זעגעל ביימער אַ גרויסען שוואַרצען פאָן. דער מלך הגזלנים גיט א לאַנגען פייף, מיט צוויי קורצע פייפען אַז עס האט געציטערט די שיף. אַ פּאָר מינוט שפּעטער הערן זיי צוויי קורצע פייפן מיט א לאנגען פייף. די גזלנים זענען פול געווארן מיט פריידי. עס איז נישט אריבער אַ לאַנגע צייט זענען זיך געפאָרן עטליכע געלע שיפלעך מיט שוואַרצע פאָנען אַרום זיי. אַ האַלבן טאָג זענען זיי אזוי געפארן, נאך דעם האַלבן טאג האבען זיי דערזען פון די וויטענס אזוי ווי א פינטעלע אויף דעם ים, דאָס פינטעלע איז אלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן, ביז מען האט קלאר געזען אז דאס איז אַ אינדזעל.

א הויך געזאנג האט זיך ארויס געהערט פון די שיף, ווען זי איז צו געקומען צו דעם אינדזל, און האט געוואָרפען דעם אנקער ביי דעם ברעג. מיט גרויס כבוד האט מען אנטפאנגען די מענטשן פון שיף. ווען די צוויי ברודער האבן זיך צוזאם געטראָפען איז די שמחה געווען גאר גרויס. דער מלך הגזלנים האט פארגעשטעלט רבי אברהמ'ן פאר זיין ברודער אלצס גאָר אַ קלוגער מענטש.

דעם ערשטן טאג וואס ער איז געווען אויף דעם מאגנעט־אינדזל, האט שוין רבי אברהם פארשטאנען צו וואס די

רויבער האבען ארויס געצויגען די אייזערנע נעגל פון די שיף, — בעפויר זיי זענען מיט איר אהער געקומען, אויך האט ער פערשטאנען פאר וואס דאס אינדזעל הייסט „מאג־נעט־אינזל“. גלייך ווי רבי אברהם האט אראפ געלייגט זיין פוס אויף די ערד פון דעם מאגנעט־אינדזל, האט ער געפילט אז ער לייגט דעם פוס אויף די גלאטע ערד. די זויל פון זיין שוך איז געווען בעהאָפטען מיט אייזערנע נעגל און דאָס אינזעל איז געווען כולו מאגנעט, האט דער מאגנעט ארויס־געצויגען די אייזערנע נעגל פון זיין שוך, איז די זויל גלייך אראפ געפאלען.

מער פון א יאר איז רבי אברהם געווען אויף דעם אינדזעל. אלע רויבער האבן זיך אויפגעפירט מיט גרויס דרך־ארץ קעגן אים, און האבן אים געגעבן גרויס כבוד. אבער פונדעסטוועגן האט ער געהאט פיעל צער צוקוקענדיג די שרעקליכע מעשים פין די רויבערס.

מיט קליינע קופערנע שיפלאך פלעגען זיי זיך ארויס לאזען אויף דעם גרויסן ים אין דער טונקעלער נאכט, אין פלעגען אויפזוכען די גרויסע שיפען וואָס האָבן זיך געפינען אויפן ים. שטילער הייט האבען זיי אויסגעבויערט א לאך אין דער אויבערשטער העלפט פון די שיף, און האבען דארט צוגעבונדען א דיקע קופערנע קייט. דאן האט זיך גענומען דאס קליינע קופערנע שיפעל שלעפען די גרויסע שיף צו דעם מאגנעט־ אינדזעל.

צו אַמאָל פלעגען זיך די שיפ׳ס קאַפּיטענער כאפּען אַז די שיף האט זיך גענומען פארן אין א צווייטע ריכטונג, האָבן זיי געזוכט וואָס די סיבה דערפון איז, און אַז זיי האָבען געפינען דעם לאָך ווי עס איז געווען צו געבונדען די קייט וואס האט געשלעפט די שיף האבן זיי זי אפגעהאקט.

אבער געוועגדליך האבן זיי נישט באמערקט נאר ווען עס האט שוין אנגעהויבן צו טאגן, און דאמאלט איז שוין געווען צו שפעט, דען דעמאלט איז שוין די שיף געווען גאר ווייט פון דעם ארט ווי עס פארען געוועגדלאך די שיפען, זיי זענען שוין געווען גאנץ נאנט צו דעם מאגענעט־אינדזל, האבן זיך געפילט די רויבער׳ס ווי ביי זיך אין דער היים. עטליכע געלע שיפלעך פלעגען ארום נעמען די שיף, און האבען געהייסען אז זי זאל זיך אונטער געבען. האבען זיי זיך אונטער געגעבען, פלעגען ארויף גיין אויף איר די רויבער, און ארויס נעמען אלעס וואס אין איר האט זיך געפונען, און ארויף לאדענען אויף זייערע שיפלעך. די מענטשען האבן אלעס פארשוויגען קלערענדיג אז מיט דעם, ראטעווען זיי זיך דאס לעבען, אבער זיי האבען געהאט א ביטערן טעות, דען ווען די שיף איז שוין געווען ליידיק, פלעגט דאס שיפעל וואס האט זיי ביז אהער צוגעשלעפט, ווייטער צו שלעפען ביז זיי זענען צו געקומען נאנט צו דעם מאג־נעט־אינדזעל, ווי די שיף פלעגט זיך דערנענטערען צו דעם אינדזעל, האט דער מאגנעט ארויס געצויגן די אייזערנע נעגעל פון די שיף, און די שיף איז צופאלען אויף שטיקער, און אלע מענטשען פון די שיף זענען נעבעך גראד אריין אין די טיפע אבגרונדען פונעם ים.

טאמער האבן זיך די מענטשן פון די שיף נישט גע־וואלט אונטער געבען, האבן זיך גענומען די רויבערס ארום שלאגען מיט זיי, פון די קליינע געלע שיפלעך זענען גע־פלויגן אויף דער גרויסע שיף, פיילען מיט שפיזן, און ווי געוויינליך די מענטשן פון די שיף פלעגען צוריקווארפען. דען די שיפען וואס האבען זיך נישט געוואלט אונטער געבן האבען דאך געפילט ביי זיך אז זיי זענען שטערקער פון די

קליינע שיפלעך, אבער איבער דער גאנצער צייט וואס עס האט זיך געפירט די מלחמה צווישן די שיף מיט די שיפלעך, פלעגט דאָס קליינע שיפעל צושלעפּען די גרויסע שיף אלץ נענטער און נענטער צו דעם מאַגנעט אינדזל. אויף דעם האבן די רויבער פארלייגט שטארקע כוחות נישט צו לאזען אפּהאקען די קייט וואס איז געווען צו געבונדען צו דער שיף. די מענטשען פון די שיף האט עס ווידער נישט אינטערעסירט אז דאס שיפעל שלעפּט די שיף, זיי פלעגע זיך צו קלערען נאכדעם וואס זיי וועלען בעזיגען די קליינע שיפלעך וואס שלאגען זיך מיט זיי, וועלן זיי זיך נעמען צו דעם שיפעל, וואס שלעפּט זיי. דען וואסארא שאדען האבן זיי דען פון דעם וואס דאס שיפעל שלעפּט זיי אין מיטן ים. עס איז זיי אפילו נישט אויף די געדאַנקען געקומען וואָס־פאַראַ שפּיצעל די רויבער לייגען זיי דאָ אונטער. דען קיינער האָט נישט געוואוסט אז עס איז בכלל פאַרהאַנען א מאַגנעט־אינדזל, ווייל קיין שום מענטש איז נאָך פון דאָרט נישט צוריק געקומען לעבעדיק, אז ער זאָל פאַרציילען דערפון. דאַריבער האבן זיי זיך נישט אזוי שטארק א קעגען געשטעלט קעגען דעם וואָס דאָס שיפעל האָט זיי געשלעפּט. אַזוי האָט דאָס שיפעל געשלעפּט די שיף מיט אַ שנעלקייט ביז זיי זענען צוגעקומען נאָנט צו דעם מאַגנעט אינדזל, דאָרט איז די שיף צופאַלן. דאַן פלעגען די געלערנטע רויבער אונטער צו לייגען גרויסע נעצן און ראטעווען וואס עס האט זיך געלאָזט.

איינס פון די גרעסטע סודות ביי די רויבער איז געווען אז עס עקזעסטירט בכלל דאס אינדזעל, דען אזוי אז קיינער האט נישט געוואוסט פון דעם אינדזעל, האבען זיך די רויבער געקאָנט פירען זייער ארבייט אָן דעם דאָס עמיצער זאָל זיי

שטערן. און אויך באַצווינגען די שיפען איז זיי פיעל לייכ־טער געווען דורך דעם וואָס די מענטשן פון די שיפן האָבן נישט געוואוסט ווי אהין מען שלעפט זיי. דאריבער האבען זיי פערלייגט כוחות אַז קיין שום לעבעדיגער מענטש זאָל נישט ארויס פון אינזעל, אַ חוץ די בעשוואוירענע רויבערס.

רבי אברהם פלעגט אלטץ פרעגען דעם מלך הגזלנים וואָס האט אים אהין געפירט, עד מתי? ביז ווען וועל איך זיך ברויכן ארום וואלגערן דא צווישן אייך? אבער קיין קלארע תשובה האט ער קיינמאל נישט בעקומען פון אים, ער פלעגט אים ענטפערען, וואָס פעלט דיר דען דא? ווער אויך איינער פון אונזעריגע, ועסטו ווערן אַ גרויסער גענעראל.

איבער די צייט וואס ער איז געווען אויף דעם אינזעל האָט ער אלצס געפאָרשט ביי די גזלנים וועגן די „בת־המלכה" וואס געפינט זיך דא אויף דעם אינזעל, אבער זעט אויס אז די רויבער האבען געקאנט גאר שטרענג האלטן א סוד, אדער זיי אליין האבן אויך נישט געוואוסט, דען רבי אברהם האט פון זיי נישט געקאנט ארויס שלעפען אפילו א ווארט. פונדעסטוועגען האט ער זיך מיט די צייט דער־וואוסט, אז עס געפינט זיך אין א גאלדענע שטוב א בת־מלכה וואס דער מלך האט זי א וועק געשטעלט פאר זיין יונגסטען זון. אָבער ווי דאָס שטיבעל געפינט זיך, און ווער דער מלך וואס זיין טאכטער געפינט זיך דאָ, איז, האט ער נישט געקענט געוואָר ווערען בשום אופן.

ח.

אז רבי אברהם איז שוין געווען אויף דעם אינדזעל מער פון אַ יאָר, און ער האָט נישט געזען קיין עק פון זיינע צרות, האט ער אמאל שטארק צוגעדריק דעם מלך־

הגזלנים וואס האט איהם אהין געטראגען. און ער האט אים געבעטען מיט גרויס רחמנות ער זאל אים אויסזאגען דעם אמת, צו וואָס מען האַלט אים דארט? און ביז ווען זיי קלערן אים דאָרט צו האַלטען. דער מלך האָט איהם ווי געווענדליך געענטפערט, וואָס שאַט דיר דאָ.

וואָס האָב איך דאָ, האָט אים צוריק געענטפערט רבי אברהם, שוין עטליכע יאר וואס אין מיין מויל איז נישט געקומען קיין געקאָכט עסענוואַרג, דען דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט אַז איך אַלצס יהודי קען נישט עסן אייערע מאַכלים. און אויך אַ יהודי מוז וואוינען צווישן יהודים דען ער ברויך יעדען טאג דאווענען מיט נאך צען יהודים, און נאך אזעלכע זאכען וואס אויב א יהודי האט זיי נישט מעג אים זיין גאר גוט איז דאס לעבן ביי אים א גיהינם. יעצט פרעג איך דיך — האט רבי אברהם אויסגעלאזט זיינע ווערטער — וואָס פאַראַ שלעכצס האָב איך דיר געטון, אַז דו האָסט מיר דא איינגעשפארט אין א ארט וואס פאר מיר איז דאס פינסטערער ווי דער קבר? גלייב מיר אַז דער טויט וואלט מיר פיל זיסער געוועזן ווי דא צו זיין און צו צו קוקען יעדען טאג ווי מען הרגעט אנדערע אומשולדיגע מענטשען. געדענק דו האסט מיר צוגעזאגט ווענען מיין עצה וואס איך האב דיר געגעבען, ווי אזוי צו געפינען א שיף א הער צו קומען, ווערסטו מיר טוען א טובה. יעצט בעט איך דיך טו מיר די טובה, און זאָג מיר ביז ווען וועל איך ברויכן דאָ פארברענגען. דאס וועט זיין אין מיינע אויגן די גרעסטע טובה, אבער איך וויל פון דיר זאלסט מיר אויסזאגען דער ריכטיגען אמת. עס איז מיר בעסער צו וויסען דעם אמת אפילו ער איז א ביטערער, איידער צו לעבען מיט א שקר־דיגן האפענונג, אפילו זי איז א זיסע.

— מיין ליבער פריינד, האָט אים געענטפערט דער מלך הגזלנים, עס טוט מיר שטאַרק לייד, אז דו צווינגסט מיך איך זאל דיר אויסזאגען דעם גאנצען אמת, דען ער איז פאַר דיר גאָר שלעכט. דיינע זיבעציק יאָר וועסטו שוין מוזן אפלעבען דא ביי אונז. איך האב שוין פיל מאל געבעטן ביי מיין ברודער — דער מלך פון דעם אינדזל — אַז ער זאָל דיך אוועק שיקען פון דא, אבער ער האט מיר געזאגט אז דעם שטרענגען געזעץ דאס קיין שום מענטש זאל נישט ארויס אויף די גרויסע וועלט פון דעם אינזעל, וועט ער בשום אופן נישט לאזען איבער טרעטן. ער האט מיר גע־זאגט אז צוליב מיר טוט ער מיט דיר דעם גרויסן חסד און לאזט דיך לעבן דא, דען א חוץ די בת־מלכה וואס איך האב דיר אַ מאָל פערציילט מיט אירע צוויי הערן, געפינט זיך נישט דא קיי שום מענטש אויסער די רויבער־באנדע.

רבי אברהם האָט יעצט געהאַט אַ גוטע גע־עגענהייט ג־זוואויר צו ווערן פונקטליך אַלע זאַכן פון דער בת־מלכה, דען דער מלך הגזלנים האט גרויס רחמנות געהאט אויף אים, ער וואלט אים געוועזן אלעס פערציילט כדי ער זאל נישט שפירען די שרעקליכע בשורה וואס ער האט אים יעצט דא געזאגט. אבער רבי אברהם איז גלייך אזוי פערקלעמט גע־ווארען ביים הארץ, אז ער האט נישט געקענט עפענען דאס מויל. עס האָט אים געשטיקט דאָס געוויין.

דער מלך הגזלנים האָט דאָס גלייך דערזען, ער האָט אויך באַמערקט ווי ער שעמט זיך צו וויינען קעגען אים, האָט ער זיך געזעגנט מיט אים, און איז אַוועק געגאַנגען.

א ביטער געוויין האט זיך ארויס געריסען פון זיין האַרץ, ווען ער האָט זיך דערזען אַליין. אָ פּאָר שעה האט זיך געגאסען פון זיינע אויגן טייכן טרערן. זיינע ליפען האבן

זיך א גאַנצע צייט געריידט, אבער וואָס זיי האָבן געזאָגט איז אוממעגליך געווען צו הערן, געהאַקטע ווערטער האָט אַלצס אָפּגעקלונגען צווישן אַ קרעכץ און צוויטען ...מצות נטילת־ידים... זכות אבי רבי ברכיה החסיד, האָט זיך אַלצס געהערט.

רבונו של עולם פאַר דיר איז דאָך אָפן מיין הארץ אַז נאָר כדי איך זאָל דיך קאָנען דינען ווי אַ איד באַדאַרף, וויל איך זיך אַרויס ראַטעווען פון דעם אינזעל. די ווערטער האָט ער מיט גרויס אָנשטרענגונג יאָ אַרויס געזאָגט גאַנץ, נאָך אַ פּאָר שעה וויינען. דאַן איז ער איינגעשלאָפן אין אַ טיפען שלאָף.

ו.

אַ קעניגליכע שטול, וואָס ווער עס האָט זי אַליין נישט געזען איז בשום אופן נישט אומשטאַנד זיך פאָרצושטעלן אַזא קונצליכקייט, ווי די שטול איז געווען געמאַכט. די שיינע חיות וועס זענען געשטאַנען ווי אויף וואַך ביי יעדער טרעפ פון די שטול, האָבן אויסגעזען ממש ווי לעבעדיג. איז עפּעס ארויף געפאַלען אויף א טרעפּ פון שטול, האָט זיך גלייך איינגעבויגן די חיה וואָס איז געשטאַנען ביי דער טרעפּ — א לייב אדער א לעמפּערט — און האָט דאָס אויפגעהויבן. אבער די שיינקייט פון שטול האָט זיך כמעט נישט אנגעזען צוליב דער שיינער קרוין וואָס איז געלעגען אויפן קאָפּ פון דעם קעניג וואָס איז געזעסן אויף דער שטול. די ליכט פון די זון איז פינסטער קעגן די פולע ליכטיגע פאַרבען און שטריילען וואָס די קרוין האָט געוואָרפן. אבער אויך די קונצליכקייט פון די שטיל און אויך די שיינקייט פון דער קרוין איז ווי פארשטעלט געוואָרען פון דער שיינער

מלאך׳דיגער צורה וואס דער מלך האט געהאט. די קלוגשאפט וואס האט ארויסגעשיינט פון זיינע גרויסע אויגן וואס זענען געלעגען טיעף אונטער דעם ברייטען שטערן, האבען אזוי צוגעצויגען דאס אויג, אז מען האט גארנישט באמערקט אַז עס געפינט זיך א שטול אדער א קרוין.

אָט די שטול, און די קרוין, מיט דעם ליבליכען שיינעם מלך, האט רבי אברהם געזען פאר זיינע אויגן, גלייך ווי ער איז איינגעשלאָפען פאַרקלעמטער הייט.

— שרעק זיך נישט, קום נענטער! האָט רבי אברהם געהערט וויא אַ זיסע און אַנגענעמע שטימע טוט אים באַ־רוהיגען פון דער גרויסער שרעק וואס איז אויף אים גע־פאלען דערזענדיק וואו ער שטייט דא. א צושראקענער און א דערציטערטער איז ער נענטער געגאנגען צו דעם מלך.

שלום־עליך! מיין ליב קינד, האט אים געזאגט דער גרויסער מלך וואס איז געזעסן אויף דער שיינער שטול, און האָט געשטרעקט צו איב זיין האַנט. מיט גרויס פחד האָט רבי אברהם צו גערירט זיין האַנט צו דער האַנט פון דעם מלך. דער מלך האָט גענומען רבי אברהם׳ס האַנט אין זיין האַנט אַריין, און פרעגט אים, דו ווייסט ווער איך בין?

— ניין, הערט זיך אַ ציטערדיג קול.

— אני שלמה! איך בין שלמה־המלך. האָט זיך ווידער געהערט די איינגענעמע שטימע. די מצווה פון „נטילת־ידים" שטאַמט פון מיר — האָט ווייטער געזאָגט שלמה־המלך — און ווייל דו ביסט גאָר שטאַרק געוואָרענט געווען אין דער מצווה אַז אַפילו דיין גרויסען רייכטום האָסטו אַוועק געגעבן צוליב איר, דאַריבער בין איך אַליין געקומען דיך ראַטעווען אין דיין שרעקליכן נויט, און דיך בעפרייען פון דיין געפענ־געניש.

— אויב איך האָב יאָ די זכיה — רופט זיך אָן רבי אברהם — צו רעדן מיט אונזער גרויסען קעניג אַליין, איז ביי מיר די חשובסטע זאַך אַז דער מייאיסטעט זאָל מיר ערלויבען צו פרעגען אַ זאַך פון זיינע ווערטער וואָס ער האָט אונז געשריבען, און איך האָב דאָס מיין גאַנץ לעבן נישט פערשטאַנען.

— פרעג וואָס דו באַגערסט, מיין קינד. האָט אים שלמה־המלך געענטפערט מיט גרויס ליבשאַפט.

— אין „ספר־קוהלת" שרייבט דער הער קעניג „אין כל חדש תחת השמש" דאָס הייסט אַז עס איז נישט פערהאַנען קיין נייע ערפינדונג אויף די וועלט. און אָט זעען מיר יעדען טאָג אַז די געלערנטע פון די וועלט ערפינדען נייע חכמות, וואָס מהאָטא אַמאָל נישט אויף די געדאַנקען געקומען, אַז זיי קאָנען זיין — האָט רבי אברהם געפרעגט.

— דאָס אַלעס, און נאָך פיעל פיעל מער, האָב איך שוין געהאַט ערפינדען, נאָך אין מיינע צייטען, דאַריבער איז דאָס נישט קיין נייע ערפינדונג, — האָט אים שלמה־המלך געענטפערט.

— נאָר פאַר וואָס האָט עס דער הער קעניג נישט אויסגעלערנט די וועלט, — האָט ווייטער געפרעגט רבי אברהם.

— ווייל, — האָט אים געענפערט שלמה־המלך, — איך האָב איינגעזען אַז די אַלע ערפינדונגען ברענגען נאָר גרויס שאָדן פאַר די מענטשהייט, איך האָב דאָס געשריבען אין אָט דעם זעלביגען ספר קוהלת „יוסף דעת, יוסף מכאוב", אַז עס איז דאָ מער וויסענשאַפט אויף דער וועלט, איז דאָ מער ווייטוג. אויך די מענטשן וואָס פרייען זיך היינט מיט די נייע ערפינדונגען וועלן דערויף קומען, אָבער גאָר שפעט

ווען דער שאָדען פאַר די וועלט וועט זיין גאָר גרויס.

— און יעצט מיין קינד וועל איך דיר זאָגן וואָס צו טאָן זיך אַרויס צו ראַטעווען פון דעם אינזעל — האָט אים ווייטער געזאָגט שלמה־המלך. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָבען די רויבער געכאַפּט אַ קעניגליכע שיף, אין דער שיף זענען געווען איינגעשפּאַרט אין אַ גרויסער אייזערנער שטייג זעקס ריזן אָדלערס, וואָס די קעניגליכע שיף האָט געטראָגען אַ מתנה צו אַ צווייטען קעניג. אַזוי ווי די מאַטראָזען פון די קעניג־ליכער־שיף האָבען זיך נישט געוואָלט אונטער געבען האָבן ווי זיך ארום געשלאָגען מיט די געלע קופּערנע שיפלעך פון די רויבערס, ביז מען האָט זיי צו געשלעפּט צו דעם מאַגנעט־אינזל. דאָ האָט דער מאַגנעט ארויס געצויגן די אייזערנע נעגעל פון די שיף, און זי איז צופאַלען אויף ברעטער. אַלעס וואָס האָט זיך געפינען אין די שיף איז איינגעזינקען אין די טיפענישען פונם ים. די אייזערנע שטייג מיט די זעקס גרויסע אָדלערס האָט דאָס מאַגנעט־אינזער צו געצויגען צו זיך. פון דעמאָלט אָן שטייען די אָדלערס אין צפון זייט פון דעם אינדזל, שוין עטליכע חדשים. זיי גראָבן ארויס פון די ערד עפּעס גרינס וואָס וואַקסט נעבען זיי, אבער נאָר דאָס לעבן צו דערהאַלטן. די רויבער ווייסן גיט בכלל אַז עס געפינען זיך די אדלערס.

יעצט — זאָגט ווייטער שלמה־המלך — פון די צופאלענע שיפען שווימען דאָך ארום ברעטער, זאָלסטו אויסקלויבן גרינגע ברעטער און צוזאם שטעלן פון זיי אַ שטאַרקען קאַסטען, אַז דער קאַסטען וועט פאַרטיג זיין, זאָלסטו אַרויף קלאַפּען פון אויווען אויף דעם קאַסטען צוויי לאנגען שמאָלע ברעטער. די שמאָלע ברעטער זאָלן ארויס שטייגען פון דעם קאַסטען, צוויי איילען פון פאָרענט און צוויי איילען פון

הונטען. איין אַזאַ שמאָל ברעט זאָלסטו אַרויף קלאַפּן אויף די רעכטע זייט, און איינס אויף די לינקע זייט פון קאַסטען, ווען דער קאַסטען וועט זיין אין גאַנצען געענדיגט, זאָלסטו צו גיין צו די אָדלערס און מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט זאָלסטו אַלצס אַרויס נעמען צו איין אָדלער, און זאָלסט אים צו בינדן גאָר פעסט צו דעם שמאָלען ברעט וואָס שטייגט אַרויס פון דעם קאַסטען. ווען ער וועט שוין זיין צוגעפעסטיגט צו דעם ברעט זאָלסטו אַרויף ציען אַ נעץ אויף דעם אָדלער ער זאָל נישט קענען רירען די פליגעל. אַזוי זאָלסטו מאַכן אַלע זעקס אָדלערס. ווען אַלע אָדלערס וועלען שוין זיין צו געבונדען פעסט, זאָלסטו זיך אריין זעצען אין קאַסטן, און זאלסט אַראָפּציען די נעצן פון זיי, דאַן וועלן זיי גלייך פליען צוזאם מיט דעם קאַסטען גלייך אין דעם קעניגס הויף, וואו זיי זענען אויפגעוואַקסען, זיי קענען פונקטליך דעם וועג. אַלעס זאָל געשען מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט — האָט שלמה־המלך געענדיגט זיינע ווערטער.

— אַז די רויבער זאָלן זאַך פון גאָרנישט דערוואוסן.

— נאָך איין זאַך וואָלט איך געוואָלט פרעגען דעם קעניג וואָס איז דער שטאָלץ פון אונזער פאָלק — האָט רבי אברהם געזאגט.

— פרעג! פרעג! שרעק זיך נישט. האָט אים שלמה־המלך געענטפערט, מיט אַ פריינדליכע שטימע.

—דאָ געפינט זיך אַ „בת־מלכה“. איך וואָלט זי געראַטעוועט, אויב דער הער קעניג וועט מיר ערלויבען.

יאָ! האָט אים שלמה־המלך געענטפערט.

— איך ווייס אָבער נישט ווי זי געפינט זיך, האָט ווייטער געזאָגט רבי אברהם.

— זייט די רויבער האָבען זי א הער פאַרשלעפט זיצט

זי מיט אירע באַדינער פערשלאָסען — האָט אים שלמה־המלך געענטפערט —אין אַ טיפע הייל אויף דעם אינזעל. זאָלען אַפילו קומען די גרעסטע חכמים און די גרעסטע גבורים פון די וועלט, וועלען זיי אויך נישט קענען אַריין קומען אין דער הייל. דען די אַלטע מאַמע פון די צוויי מלכים פון די גזלנים, וואָס זי געפינט זיך אונטער די הרי־חושך, און זי איז אַ גרויסע כישוף־מאַכערקע און שוואַרצע־קינצ־לערקע, און אירע כישופ׳ערייען קען קיין שום מכשף אויף די וועלט מבטל זיין.

די אַלטע מכשפה האָט פאַרשלאָסען די בת־מלכה צוזאם מיט צוויי אַלטע יועצים אין דער הייל. און ביז דרייצען יאָר קאָן קיינער נישט עפענען די הייל אַפילו זיי אַליין אויך נישט. זיי האָבען דאָס געטאָן דען זיי האָבען זיך געשראָקען אז דער מלך, דער פאָטער פון די בת־מלכה וואָס איז גאָר אַ גרויסען און שטאַרקער מלך וועט אַיינגעמען דאָס אינדזעל צוליב זיין טאָכטער, זאָל ער זי נישט געפינען.

יעצט גיב איך דיר דא איבער אַ שטיינדעל וואָס הייסט „סלמנדר״, אויף דער זעלבער זייט ווי די אָדלערס געפינען זיך, נאָר ווייט אַ מייל פון דאָרט אויף מזרח־צו, געפינט זיך די טיר פון דער הייל. ווען דו וועסט צו קומען צו די טיר פון דער הייל און וועסט נישט קאָנען אריין גיין אין איר, זאלסטו צולייגן דאָס שטיינדעל „סלמנדר״ וועט גלייך בטל ווערען דער כישוף און וועסט זיי קענען אַרויס נעמען. אָבער צו דער הייל זאָלסטו נאָר צוגיין נאָך דריי טעג אין חודש, האָט שלמה־המלך געענדיגט זיינע ווערטער.

— ווי שלמה־המלך האָט געענדיגט זיינע ווערטער האָט ער איבערגעגעבן רבי אברהם דאָס שטיינדל אין די הענט. דאס שטיינדעל איז געווען זייער קאַלט.

אָז רבי אברהם האָט דערפילט אַזאַ קאַלטקייט אין די הענט, האָט ער זיך פון דער קעלט אויפגעכאַפּט פון טיפען שלאָף. ווען ער האָט געעפנט די אויגען האָט ער נאָך נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. קוים קוים, איז ער צו זיך געקומען, ער האָט זיך ווידער צוגעמאכט די אויגן ער זאָל זיך פונקטליך דערמאנען וואָס ער האָט דאָ פריער געזען. ביים סוף גיט ער אַ קוק אויף זיין האַנט זעט ער אַז זי ליגט אויף אַ שטיינדעל. דאָס שטיינדעל האָט אויסגעזען ווי אַ צווייט שטיינדעל, ער אַליין האָט נישט געוואוסט צו איז דאָס דאָרט געווען בעפויר ער איז איינגעשלאָפען צו נישט. „אבער אין זיין גרויסע שמחה וואָס איז געקומען פון טיפען האַרץ, האָט ער געפילט אויף זיכער אַז ער איז אַ געהאָל־בענער.

ז.

עטליכע חדשים זענען אַריבער פון זינט רבי אברהם האָט זיך געחלומט מיט שלמה־המלך, ביז דער קאסטען און אלע אַנדערע זאַכען זענען גרייט געווען צו דער נסיעה. יעדע זאַך וואָס עס האָט אים אויסגעפעלט, האָט גענומען עטליכע טעג ביז ער האָט עס געפונען, דען צוליב דעם וואָס ער האָט אַלעס געברויכט מאַכען אַזוי שטרענג בסוד. האָט ער זיך אַלטץ געהיט אז מען זאָל גאָרנישט באמערקן. אַלע פאָר נעכט פלעגט ער צו טראָגען עפעס צו עסן פאַר די אָדלערס. ער פלעגט גיין אין מיטן נאַכט ווען קיינער האָט זיך נישט געפינען אין די גאַסען.

ענדליך, ענדליך, האָט זיך געענדיקט דער קאסטען וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שיין שיפעל. רבי אברהם האָט אַרויף געבונדען די אָדלערס אויף דעם קאַסטען, און אַלעס איז

שוין געווען גרייט צום אָפּפליען.

אין אַ טונקעלער נאַכט, דעם פערטן טאָג אין חודש, ווען די לבנה בעהאַלט זיך אויס און לאָזסט די וועלט אין די פינסטערניש, האָט זיך רבי אברהם גענומען ציילען צוויי טויזענט טריט אויף מזרח־זייט־צו. פון ווי די אָלדערס זענען געלעגען. ווען די צוויי טויזענט איילען האָבען זיך געענדיגקט האָט ער פלוצים געכאַפּט אַזאַ קלאַפּ אַז עס האָט נישט אַסאַך געפעלט ער זאָל אַריין פליען אינעם ים אַריין אָן די אָדלערס.

ביי דער טיער פון די הייל האָט זיך מיט כישוף געדרייט ארום זיך אַ שטיבעל פון אייזען. דאס שטיבעל האָט זיך מיט אַזאַ שנעלקייט געדרייט אַז אַפּילו אין מיטן ליטכטיגן טאָג האָט מען דאָס אויך נישט געקענט זעען. אז רבי אברהם איז נאָך געגאַנגען אין די פינסטערע נאכט, איז ער גראד אריין אין דעם שנעל דרייענדיקען שטיבעל. אַז אַ צווייטער מענטש פלעג זיך אַריין קלאַפּען אין שטיבעל, איז ער גלייך אַריין געפלויגן אין ים, פון דעם שטארקען קלאַפּ. האָט דאָך אָבער רבי אברהם געהאלטען אין האַנט דאָס שטיינדעל „סלמנדר״, איז ווי ער האָט זיך אריין געקלאַפּט אין דעם „שנעל־דרייעדיקען שטיבל״, האָט דער סלמנדר וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט געגעבען אַ ריר אָן אין שטיבעל, איז עס אויפן אָרט געוואָרען אַ „שטייעדיק־שטיבעל.

נאָך אַ ביסעל זוכען אַרום דעם אייזערנעם שטיבעל, האָט רבי אברהם געפינען די טיער, ער איז גלייך אַריין דערין, פון דאָרט האָט ער זיך גענומען אראָפּ גיין אויף די טרעפּ אין די הייל אַריין. ווי ער איז אַריין אין די הייל האָט ער דאָרט געפינען צוויי אלטע אויפצירען, איין פעלד־מארשאל און איין גענעראל, זיי האָבען קוים געהאט אַ געשטאַלט פון

מענטשן. אויף זייער קערפער האָט זיך נישט געפינען נאָר די הויט. אין אַ צווייט שטיבעלע איז געלעגען די בת־המלכה, קוים וואָס זי האָט נאָך געהאַט די נשמה אין זיך. אַז זיי האָבען דערזען רבי אברהמ׳ן, האָבען זיי זיך גאָר שטאַרק דערשראָקען, זיי האָבען געקלערט אַז יעצט איז שוין געקומען די צייט וואָס די רויבער נעמען זיי אַרויס. די רויבער זענען שוין זיכער — האָט געזאָגט איינער צום צווייטען — אַז דער מלך דער פאָטער פון די בת־מלכה איז נישט בכח מלחמה האַלטען מיט זיי.

וויינט נישט! און שרייט נישט! — האָט זיי רבי אברהם איבערגעהאקט די ווערטער — איך בין אייך געקומען ראַטעווען, פון די רויבערס הענט, אין אַ קורצע צייט אַרום וועט איר מיט דעם אידשן גאָט׳ס הילף זיין בעפרייט.

— הלוואַי! האָבען זיי אויסגערופען.

— רבי אברהם האָט אַרויס גענומען זיין זעקעלע ביינער פון בהמות, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך מיט גענומען, און ער האָט דאָס אויסגעגאָסן אויף די ערד פון די הייל. דאַן האָט ער געמאַכט אַ פייער׳ל און אלעס איז פאַר־ברענט געוואָרען, עס זענען נישט געבליבען נאָר האַלבע פאַברענטע ביינער. ער האָט דאָס געטאָן כדי אַז די רויבער וועלען אַריין קומען און וועלען קיינע נישט געפינען, זאָלען זיי קלערען אַז די שרים מיט די בת־מלכה האָבען זיך פארברענט. אויך האָט ער איבערגעלאָסט א בריף ביי דעם ברעג פון דעם ים, אזוי ווי ער איז געוואויר געוואָרען אז ער וועט ברויכן אייביג בלייבן אויף דעם פערשאלטענעם אינזעל ווי די רויבער קריגען זיך און רייסען זיך אַרום איינער מיטן צווייטן, האָט ער זיך אַריין געווארפען אין ים.

עס איז נישט אריבער פיעל צייט איז שוין רבי אברהם

מיט די דריי חברה, די צוויי אויפצירען און די בת־המלכה געוועזן אין די לופטן. די אדלערס זענען שנעל געפּלויגן, דען זיי האָבן נישט געהאַט קיין שווערע לאַסט. אַלע פּיער מענטשען צוזאַם האָבן נישט געוואויגן וויפיל צוויי געוועג־ליכע מענטשן.

קודם האָט זיך רבי אברהם מיט די אנדערע מענטשן געדאַכט אַז די אָדלערס פליען מיט זיי אַרום אויפן אינזעל נאָנט צו די ערד, דען עס איז אַזוי טונקעל געוועזן דאָס זיי האָבן נישט געזען ווי זיי פליען. דאַרבער האָבן זיי געציטערט אַ גאַנצע נאַכט. הערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגען האָבן זיי דערזען אַז פון דעם אינזעל זעט זיך שוין נישט קיין זכר, און זיי געפינען זיך צווישען הימעל און ים. יעצט, אַז ער האָט דערזען ווי ער געפינט זיך האָבן



רבי אברהם זאגט קריאת־שמע של שחרית אויף די כנפי נשרים

זיי שוין געקענט עפענען דאָס מויל. דאָס ערשטע האָט רבי אברהם אַרויס גענומען פון זיין קעסטיל זיינע תפילין, או עטליכע שעה האָט ער מיט גרויס דביקות אָפּגעגעבן אַ שבח פאַר השי״ת אז ער האט אים אַרויס גענומען פון דעם שרעקליכען גיהנום.

ח.

נאָכן דאַוונען האָט ער געגעבן עפּעס צו עסען פאַר די חברה, דאַן האָט ער געזאָגט דעם פעלדמאַרשאַל פּערצייל מיר פונקטליך ווי זוי איר זענט אַ הער געקומען.

— מיין מלך — הייבט אָן דער אַלטער פעלד־מאַרשאל זיין געשיכטע — איז אַ גרויס מעכטיגער קעניג איבער פיעל לענדער און אינזלען. פופצין יאָר נאָך זיין חתונה האָט ער קיין קינד נישט געהאַט.

דאָס זעכצעטע יאָר נאָך זיין חתונה איז אים געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, אָט די בת־המלכה, — ווייזט ער מיטן פינגער — ווען זי איז געבוירן געוואָרן האָבן די שטערן־זעער געזאָגט פאַר דעם מלך, אַז ווען זיין טאָכטער וועט אַלט ווערען דרייצען יאָר וועלן זי פאַנגען רויבערס. זוי דער מלך האָט דאָס דער הערט איז אים צושטערט געווארן די גאַנצע פרייד. אַ יאָר שפּעטער איז דעם מלך געבוירן געוואָרן אַ זון, אבער די שרעקליכע בשורה פון די שטערן־זעער וועגן זיין טאָכטער האָט נישט געלאָזסט דעם מלך בעקומען אויך די שמחה.

צען יאָר האָט דער מלך מיט זיינע יועצים געטראַכט איין עצה און געזוכט אַ פּאָרטעל אויף וואָסאַראַ אויפן צו ראַטעווען די בת־המלכה פון די רויבערס הענט. ביים סוף האָבן מיר אויס געקלערט אַזאַ סאָרט עצה, נישט ווייט פון די קעניגליכע שטאט איז דאָ אַ קליין אינזעל, וואָס איז

גרויס פיער מייל אויף פיער מייל. זאָל מען דאָרט אויסהוילען אַ גרויסע הייל אונטער די ערד, און אין איר אויסבויען אַ שיינעם פּאַלאַץ מיט פיל צימערן, און אַריין שטעלן אין פּאַלאַץ פיעל עסענוואַרג מאַכלי־מלכים און אַלערליי משקאות אויף אַ גאַנץ יאָר. דאַן זאָלן אריין גיין אין דעם פּאַלאַץ די בת־מלכה מיט די צוויי גרעסטע אויפצירען פונעם גאַנצען מיליטער. דערנאָך וועט מען פערבויען דעם אריינגאַנג פון הייל, אז קיינער זאָל נישט קאָנען אריין אין איר.

צוויי יאָר האָט געדויערט דאָס בויען פון די הייל. די בוימייסטערס זענען געווען גרויסע חכמים און גאָר גוטע פּאַכלייט, זיי האָבן געמאַכט די הייל מיט גרויס קונצשטיק און זייער וואונדערלך. צווישען די שפּאַלטענס פון די שטיינער האָט דורך געקלאַפּט די שטראַלן פון די זון, און פון די זייטן פון ים איז צו געקומען די פרישע לופט.

אין מיטען די פיער ווענט פונם דער הייל, און אויך אין דאַך זענען געווען קונצלעך דורעך גע־צויגן פערבאָרגענע אייזערנע דראָנטען, האָט עמיצער ארויס געריסען אַ שטיין פון דער הייל האָבן זיך גלייך גענומען קלונגען די גרויסע גלעקער פונעם הויכן טוירעם, וואָס איז געווען אויפן אינזעל.

ווען אַלעס האָט זיך געענדיקט האָט מען אונז אַריין געטראָגען אין דער הייל, מען האָט אונז פאָרבערייטעט אין דער הייל פון כל טוב. אויך האָט מען אונז געגעבן יעדען איינעם אַ לאַנגען אייזערנעם דראָנט, אַז אויב מיר וועלן זיך געפינען אין א סכנה זאָלן מיר דאָס געבן א שלעפּ, וועלן זיך נעמען קלונגען די גלעקער אויף די הייל, וועלן די זעלנער וואָס געפינען זיך אויף די הייל גלייך קומען צו הילף. ווען מיר זענען שוין געווען אין דער הייל האָט מען

פעסט פערבויעט דעם אַריינגאַנג, און אָנגעפילט דאָס אינזעל פול מיט זעלנער. און אַרום דעם אינזעל פון אלע פיער זייטען, האָט מען ארום געשטעלט קריגס שיפען. יעצט זענען אלע געווען זיכער אז קיינר וועט שוין נישט קענען ארויס נעמען די בת־המלכה פון דער הייל.

אַ טאָג נאָך די דרייצען יאָר — האָבן געזאָגט די שטערן קוקערס — מעג מען עפענען די הייל, דען גלייך ווי דאָס צוועלעפטער יאָר גייט אריבער און זי ווערט דרייצען יאָר, האָבן שוין מער די גזלנים נישט קיין שליטה אויף איר. און אויב די גזלנים האָבן זי ביז דעמאָלט נישט צו גענומען איז זי אַ געראַטעוועטע.

אַ לאַנגע צייט זענען מיר געווען אין די הייל, מיר האָבן פשוט אַ הנאָה געהאַט פון דעם שטילקייט און רוהיגקייט. צו עסן און טרונקען איז געווען לרוב, אויך פערשידענע אלטע בעשרייבונגען פון די וועלט היסטאָריע האָבן מיר דאָרט געהאַט מיט וואָס די צייט צו פערברענגען, אין אַ אלט אינדיאַנישע בעשרייבונג האָב איך דאָרט געלעזען פון דיין אידישען פאָלק, דעמאָלט האָב איך דאָס ערשטע מאָל זיך דערוואוסט אז עס איז פערהאנגען יודען אויף די וועלט. דאָרט איז געשטאַנען אז דער קלוגסטער מענטש אויף די וועלט זייט זי שטייט איז געווען אַ אידישער מלך מיטן נאָמען שלמה... די צייט איז אונז דאָרט אזוי איינגענעם געווען, אז עס האָט אונז פשוט לייט געטון אַז דאָס יאָר ענדיקט זיך שוין באלט.

אין אַ שיינעם טאָג זעען מיר ווי פון הונטען אונטער די ערד עפענט זיך אַ לאָך, מיר זענען שטאַרק דערשראָקען געוואָרן, אָבער בעפויר מיר האָבן צייט געהאַט צו געבן אַ צי די אייזערנע דראָנטען אַז עס זאָלן אָנהויבען צו קלונגען

די גלעקלער אויף דעם אינזעל, זענען מיר שוין געווען מיט פערבונדענע הענט. און גלייך האָבן די חברה וואָס האָבן אונז געבונדען די הענט אַראָפּ געשלעפּט אין דעם לאָך אונטער די ערד, און האָבן אונז אריין געלייגט אין אַ טונקל שיפּעל, וואָס איז געוויס געפאָרן אונטערן וואַסער אַ לאַנגע צייט. ווי מיר פאָרן אזוי אינעם טונקעלען שיפּעל, קומט צו צו אונז אַ רויבער און בונט אונז צו די אויגען. מיר פילען ווי מען פירט אונז אַ ריבער אויף אַ צווייטע שיף. ווען זיי האָבן אונז אָפּגעבונדן די טיכער פון די אויגן, האָבן מיר געזען אז מיר געפינען זיך אין אַ קליין געל שיפּעל וואָס פאָרט זייער שנעל. דאָס שיפּעל האָט אונז צוגעבּרענגט ביז צו דעם אינזל. דאָ אויף דעם אינזעל האָבן אונז אָפּגעוואַרט עטליכע רויבערס מיט גאָר אַיין אַלטע פרוי, זעט אויס אז זי איז די מוטער פון דעם מלך־הגזלנים דען ער האָט איר אלצס גערופן מאַמע. זי די אַלטעטשקע האָט אונז גלייך אַריין געפירט אין אָט די פינסטערע הייל. פון דעמאָלט אָן ליגען מיר דאָ, וויפיל צייט עס איז שוין אַריבער וויסען מיר נישט, נאָר דאָס וויסען מיר יאָ אַז עס איז שוין גאָר אַ לאנגע צייט. ווען די וואָלסט אונז יעצט נישט גערּאַטעוועןּ, וואָלטן מיר געוויס ביז אַ קורצע צייט אָפּגעשטאָרבען, דען אונזער קרעפטען האַלטען זיך ביים ענדיגען — האָט דער פעלד־מאַרשאַל אויסגע־לאָזסט זיין דערציילונג.

— און פון וואָס האָט איר געלעבט — פרעגט אים רבי אברהם. — יעדען ראש־חודש האָט מען אונז אַריינגעוואָרפען עפּעס עסענווארג דורך אַ לאָך, אויף אַ גאַנצען חודש — האָט דער מאַרשאַל געענפערט.

— וואָס קלערט איר צו טון ווען מיר וועלן קומען צו די טרוקעניש — פרעגט ווייטער רבי אברהם. — מיר וואָלטן

שטארק געבעטען אונזער רעטער — האָבן אַלע געזאָגט — אַז ער זאָל מיט אונז מיט קומען צו אונזער מלך. דען מיר ווילען צו קוקען דעם גרויסען כבוד וואָס ער וועט בעקומען. וועגען דעם וואָס ער האָט אונזער לעבען גערעַטעוועט.

קודם האָט רבי אברהם זיי נישט געוואָלט צו זאָגען, נאָר אַז זיי האָבן זיך גענומען בעטען און וויינען צו אים, אַז ער זאָל זיי צו זאָגען דאָס ער וועט זיי באַגלייטען ביז אַ היים, האָט ער רחמנות בעקומען אויף זיי, און האָט זיי צוגעזאָגט.

ט.

רבי אברהם גיט אַ קוק ארויס פון דעם לופט־שיפעל, זעט ער ווי פון די ווייטענס בעווייזסט זיך שוין עפּעס אַ חוץ הימעל און וואַסער, צוביסלעך האָט מען שוין געקאָנט דער־קאָנען אַז דאָס איז די שפּיצען פון די הויכע הייזער. עס הייבט זיך אָן צו בעווייזען אַ גרויסע שטאָט פאַר זייערע אויגען.

אָט אָט קומען זיי שוין אַרויס אויף די פרייהייט, נאָך אַ פּאָר מינוט זענען זיי שוין אויף די טרוקעניש. אַרויס פון געפענגעניש, אַרויס פון דער סכנה צו פליען מיט אָדלערס העכער דעם ים, אַלעס איז ברוך השם פעריבער בשלום. עס פערשטייט זיך אַז דאס האַרץ פון רבי אברהם איז געוויס פיעל געווען מיט אַ גרויסע פרייד. אַזאַ רבי אברהם וואָס האָט זיך געפרייט אין דעם שרעקליכסטען פּיין צווישען די רויבערס וועט זיך געוויס פרייען יעצט אַז ער איז פון אַלעם גערעַטעוועט געוואָרען.

אָבער עס איז אַ גרויסער טעות, נישט נאָר אז רבי אַברהם האָט זיך נישט געפרייט, ווען ער האָט דערזען אַז

זיי קומען צו, צו די טרוקעניש. נאָר זיין האַרץ איז גאָר שטארק פאַרקלעמעט געוואָרען.

אָט קומען מיר אָן צו די טרוקעניש — האָט זיך רבי אברהם געטראַכט — נאָך אַזוי פיל צער נאָך אַזויפיל פיין וואָס איך האָב געליטען, און מיין ציל די בת־המלכה וואָס איך האָב זיך ארויס געלאָזט זוכען, האָב איך הערשט נאָך דעם אלעם נישט געפונען.

איך בין אַ גאַנצע צייט געווען זיכער אז די בת־המלכה געפינט זיך דאָ אויף דעם אינזעל. און יעצט האָט זיך מיר אַרויס געוויזען ווי פאַלטש מיין האָפענונג איז געווען. אז איך קום אָן אויף דער טרוקעניש האַלט איך ווידער ביי די אַלעף, האָט רבי אברהם געטראכט פארקלעמטער הייט.

אברהם! וואָס איז מיט דיר געשען? וואו איז דיין שמחה? וואו איז דיין ביטחון? — האָט ער זיך אליין געמוסרט — די האָסט דאָך געראַטעוועט דריי מענטשן פון טויט?

זייער פאַן! זייער שיין! — האָט ער זיך אליין געענפערט, אָבער איך האַלט מיט אַלעם ביי די אַלעף. און איז צוריק אריין געפאַלען אין אַ שרעקלאַכע טרויריקייט. ער אליין האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס איז מיט אים, אבער ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפען דערויף זיין האַרץ האָט געוויינט אין די פערבאָרגעניש. זעט אויס דאָס האַרץ האָט דערפילט אז עפעס גאָר אַ טרויריגע בשורה וואַרט אויף אים דאָ.

די אָדלער זענען שוין דערווייל געווען אין מיטען שטאָט, זיי זענען זיך געפלויגען ווי אויף אַ בעקאַנטען וועג. גאַנץ זיכער זענען זיי אַריין געפלויגען אין דעם קעניגליכן פאַלאַץ, אַזוי ווי צוזיך אין וואוינונג. סוף כל סוף זענען זיי דאָך דאָ אויפגעהאָדעוועט געוואָרן פון קליין וויז אָן.

וואָס עס האָט זיך געטון אין דער קעניגליכער שטאָט

ווען מען האָט פּלוצים דער זען אין די לופטן פאָרן אַ שיף, קען זיך יעדער פאָרשטעלן.

און אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז די לופט־שיף איז אַריין געפלויגען אין דעם קעניגס פּאַלאַץ האָט זיך צוזאַם גענומען די גאַנצע שטאָט — טויזענטער מענטשן — פאַר דעם פּאַלאַץ פון קעניג.

אַלעס האָט געקוקט אויף די פיער מענטשען וואָס זענען געזעסען אין דער לופט־שיף. די אויפּיצירען און די בת־המלכה האָט קיינער נישט דערקאָנט, דען איר פאָטער איז געוועזן מלך גאָר אין אַ ווייט לאַנד. און רבי אברהם׳ס פּנים האָט קיינער נישט געזען, דען ער האָט געהאַלטן זיינע הענט אויף זיין פּנים, פון גרויס קלעמעניש וואָס האָט אים געכאפּט ביים האַרץ, האָט ער בעקומען אַ שטאַרקע קאָפּ ווייטאג אַז ער האָט נישט געקאָנט האַלטן דעם קאָפּ אין די לופט.

יחי דון יצחק! יחי!... יחי!... — האָט זיך געהערט אַ שטורעמדיג געשריי פון די טויזענטער מענטשן וואָס זענען געוועזן פערזאַמלט ביים טויער פון קעניגס פּאַלאַץ — ווען רבי אברהם האָט אַראָפּ גענומען זיינע הענט פון פּנים, און די מענטשן האָבן אים דערזען.

רבי אברהם האָט אויסגעזען פּונקט ווי זיין ברודער רבי יצחק, וואָס האָט זיך דאָ אין דער שטאָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דערטרונקען. און די מענטשן האָבן געטרויערט אויף אים ביז דעם היינטיגען טאָג.

יעצט אַז די מענטשן האָבן אים ווידער דערזען, האָבן זיי מיט גרויס איבעראַשונג אַ לאַנגע צייט געשריגען יחי! יחי! יחי! — — — —

רב אברהם האָט זיך קודם שטאַרק דערפרייהט, ער האָט געקלערט אז ער וועט זיך דאָ צוזאַם טרעפן מיט זיין ליבען און חשובֿן ברודער רבי יצחק.

אָבער עס איז נישט אַריבער אַ קורצע צייט האָט ער זיך דערוואוסט פון דער שרעקליכער און ביטערע בשורה אז זיין יונגערער ברודער איז שוין נישט דאָ — — —

יעצט האָט ער שוין פערשטאַנען פאַר וואָס זיין האַרץ האָט זיך נישט געוואָלט פרייען צו דער פרייהייט וואָס ער קומט צו נאָך אַזאַ לאַנגע צייט. דאָס האַרץ האָט נאָך פריער דערפילט די שרעקליכע בשורה וואָס וואַרט אויף אים גלייך ווי ער וועט ציען דעם ערשטען אָטעם פון דער פרייער לופט, דאַריבער האָט אים עס געשניטען ווי מיט אַ שאַרף מעסער.

טייכען טרערן האָבן זיך געצויגן פון זיינע ערליכע אויגען. זיין האַרץ האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צו דעם ביטערן געדאַנק אַז זיין ברודער דער קלוגער און פערש-טענדליכער, און דערצו דער גרויסער ירא-שמים און חסיד איז באמת אוועק געריסען געוואָרן פון די וועלט אזוי יונג, און אויף אַזאַ שרעקליכער אַרט, אַז אַפילו צו קבר־ישראל איז ער נישט געקומען.

עס גלייבט זיך מיר נישט אז דער יונגער בוים זאָל אזוי אכזריות׳דיג אויסגעריסן ווערן פון די וועלט. ביי מיר אין מיינע אויגען און אין מיין קאָפּ ביזסטו נישט געשטאָרב, דאָרט אין די טיפעניש פון האַרץ און מיינע געדאַנקען וועסטו אייביק לעבן — האָט רבי אברהם אויסגעשריגן מיט א שאַדערליך און יעמרליך געוויין.

פון זיין האַרץ האָט זיך געגאָסען טייכען בלוט. — — —

מי הוא זה. ווער איז געווען דער יונגער גענעראַל וואָס האָט געוואָרפען אַזאַ גרויסע און שטאַרקע שרעק אויף די רויבער. ???

המצא. האָט רבי אברהם געפינען די בת-המלכה וואָס ער האָט זיך ארויסגעלאזסט זוכען ????

מה. וואָס האָט געטון דער מלך, דער פאָטער פון די בת-המלכה וואָס רבי אברהם האָט געפינען, ווען ער האָט דערזען אַז ואינני, די הייל ווי ער האָט פערבאָרגען זיין טאָכטער איז ליידיג ???

ובעיקר. און בעיקר וואָס האָט זיך פאַסירט מיט רבי יעקב, דער יונגסטער ברודער ?, זיין וועג איז עפעס געווען גאָר גרינג ? אין יענע צייטן איז בכלל געווען א גרינגער וועג פאַר אַ מענטש וואָס האָט זיך אַרויס געלאָזסט איבער די גרויסע וועלט.

אויף די אַלע פראַגען און נאָך אויף פיעל אַנדערע וועלן מיר בעקומען אַ קלאָרען ענפער אין דער דריטער העפט. אויך וועלן מיר דאָרט זעען די שיינע און אונטערסאַנטער געשיכטע פון רבי יעקב / דער יונגסטער ברודער.

רבי יצחק'ס ענדע איז טאַקע געווען אַזאַ טרויריגע ?.

האָט געדולד ! וועט איר זיך אַלעס פּונקטליך דערוואוסען.

# די חרדי׳שע אידישע ביבליאָטעק

די ערשטע סעריע „דער גריידיצער צדיק״ אַנטהאַלט פינף אינטערעסאַנטע דערציילונגען:

פרייז פון די סעריע 5 ל״י.

---

די צווייטע סעריע „שלשה-אחים״ אַנטהאַלט 6 העפטן.

ביז היינט האָט שוין ערשינען 5 העפטן, וואָס אין זייערע 588 עמודים ליגט איינגעהילט איינס פון די שענסטע אינטערעסאַנטסטע און שפּאַנענסטע יידישע דערציילונגען.

מיט אַן אָפּגעהאַלטענעם אָטעם ליינט זיך די געשיכטע פון די שלשה־אחים, ווי דריי עלענדע יתומים׳לך לאָזן זיך אַרויס איבער די וועלט, זיי ווערן פאַרוואָרפן אויף די ווייטסטע מדינות און מרא׳דיקסטע אינדזלעך פון ים. בלאָנזשען אַרום צווישן די שרעקלעכסטע וועלדער, און אין פוסטע עק־וועלט לעדנער. מיט אַ שטייפקייט האַלטן זיי זיך ביי זייער פעסטער אמונה און ביטחון אין השי״ת, ווען זיי באַגעגענען זיך פיל מאָל מיטן טויט פנים־אל־פנים.

מיט זייער טיפע חכמה און פעאיקייט מאַכן זיי אויפרידערן אַ וועלט. ביים סוף טרעפן זיך צוזאַם די עלענדע יתומים׳לך ווען אַלע דריי זענען מעכטיקע פירערס פון די גרעסטע מדינות אין די וועלט. אין דעם זעקסטן טייל וועלן מיר ערשט זען וואָס די שלשה־אחים האָבן אויפגעטוען פאַר כלל ישראל. דאַן וועלן מיר צוקומען צו דעם „סופן־שלווה״ פון די איידעלע מוטיקע העלדן, צו דעם שיינעם שטילן זיסן נחת וואָס די הייליקע אמונה ברענגט מיט אירע פליגל צו די, וואָס שיצן זיך באמת אין איר.

בקרוב וועט בע״ה ערשיינען

די זעקסטע העפט — די לעצטע — פון דער סעריע

## „שבת אחים יחד״ — „די ברודער צוזאמען״

1. צוויי קצבים; 2. דער גור־אריה; 3. דער עוללות־אפרים.

די דריטע סעריע

1. דער שפּאלער זיידע
2. דער גולם פון פּראַג

״ אַרבעט

וענדן:

ירושלים

ISBN:0-657-12663-2

61-391

2